
גֿערטעלע II — דימ׳ = ד. פֿקפֿ פֿון גאַרטל/גאַרטל.

ג ע ר י <u>א</u> ט ר י ע / ג ע ר י <u>א</u> ט ר י י ק - <u>די, בא</u>.
די ספּעציאַליטעט אין מעדיצין, וואָס איר פֿעלד איז
דאָס היילן אַלטע קראַנקע מענטשן.

|| <u>גערי‌אַטריקער</u> - <u>דער, =ס</u>. ספּעציאַליסט אין היילן
אַלטע מענטשן.

116

גע ריבן - 1. פֿאַר פֿון רײַבן.

2. צעפּיצלט אויף גאָר קליינע טיילן דורך רײַבן אויף
אַ ריבאײַזן אָדער אַן אַנדער מכשיר; צעריבן. % געריבענער
רעטעך.

1858 " |...| און צו פֿאַר שטאָפּט, לעביר |...| איז
גוט איין צו געבין גריבני טשערנישקי אין ווייך 1306
|...|". תעלה ארוכה.

1888 " |...| אויף דעם טעלער, אין וועלכן עס ליגן
שיין, פֿײַן, אויסגעלייגט ווי געהעריק: די זרוע אין קאנק
דער רעכטער האַנט, אונטן חרוסת, |...| צווישן זיי
מרור, געריבענער כריין, גאָר אַ מחיה". מענדעלע 20,3.

1968 " רויע געריבענע קאַרטאָפּל |...| מיט מעל און
ציבעלע איז אַ געשמאַק טייג פֿאַר לאַטקעס". 1304
מ. ראוז, פֿער 155, ד/23.

3. אדי/אדוו. (פיג, פטמ) זייער גענייט, אויסטויגעריש,
זייער קלוג, כיטרע. % א געריבענער יונג.
יענער איז א געריבענער סוחר - אים וועסטו קיין לאדע
סחורה ניט ארײַנשטופן. זיי זײַנען געריבענע
פאליטיקער און ווייסן ווי אײַנצוהאלטן זייערע בענקלעך.
דאס איז א געריבענער גנב, ער קען, ווי מע זאגט, דאס
ווייסל פון אויג ארויסנעמען.

1906 " |...| איז נאר איינער א חכם, דאס הייסט א
1308 געריבענער באטריגער, אזוי מאכט ער מיט אזוי א
שפעקולאציע גאנץ גוט". אויזערקיס, 2, 25.

1917 "א געריבענער קאנקורענט אויף די געביטן פון
1305 קליין=און גרויסהאנדל, פון ליבעראלע פראפעסיעס
|...|". זשיטלאווסקי, 6, 80.

1964 " די קליגערישקייט, ווי ער פאַרטראַגט עס נישט,
ר׳ נפתלי! אַ גלאַט און קונציק גערי‌בן לשון דערוועקט
ניט ווילנדיק ביי אים אַ חשד אויף דער פנימיות פון דעם
גאַנצן מענטשן". י. קאַפּלאַן, 1, 163. 1290

ם

גריבן.

1728 " וועץ איינר האט זייטן שטעכין |...| פעמט אלט
גיבאכנין גריבנין, עמיל אונ׳ טוא אניין קומעלי 1299
בלומין |...| אונ קאך דש אין קוא מיליך |...|".
סגולות ורפואות, דף כב - [!].

0 גריבני זאנגין - גרויפן, גריץ, גראָב צעמאַלענע
תבואה.

... " זיא ברויכטן דעם קויניג גערשטן אונ׳ מעל אונ׳

1314 גריבן זאנגן |...|". שמואל=בוך, סטראפע 1540.

1676 " אונ׳ איין מאן קאם פון בעל שלושיה אונ׳ ער

1301 בראכט צו דעם מן דען גוטליכן בראט ערשטלינג צוואנציק

בראט גערשטין אונ׳ גריבנן זנגן אין זיין קארב".

ברנט שפיגל, פרק כט.

1716 " אונ׳ איין מן קאם |...| אונ׳ בראכט צו דעם

א/1301 נביא גאטש ברוט צייטיגונג |...| אונ׳ גירריביני זאנגין

אין זייני הילזן". ס׳ המגיד, 3, דף קי - ד!.

150 - גזר

ג ע ר י ד ל ט  -  פאר פון רידלען.

ג ע ר י ו ע ט - ----⇐ **געגריוועט.**

ג ע ר י ז ל - דאס, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע
ריזלען.

1937-1939 " |...| און דערפיל, ס'גייט אויף אַ קליינע
זון, דערפון דער זאַפט, וואָס קרייַזט אין אַ גערי‍זל". 1329
סוצקעווער, 3, 118.

1953 " עפּעס אַ שטומער געריזל איז דאָרטן פֿאַרבאָרגן". 
א. מ. פוקס, פער 38, נ' 16, ז' 37. 1327

ג ע ר י ז ל ט - פֿאר פֿון ריזלען.

154 - [illegible]

ג ע ר י ז ע ט  -  ---⇐ __געגריזעט/געהריזעט__.

ג ע ר י ט ן - פאר פון ריטן.

ג ע ר י ט ע מ ט - אדי/אדוו. (שנש) מיט/אין אַ ריטעם, ריטמיש.

1947 " דאָס ראָד פֿון הויכער מאַטעמאַטיק // האָט זיך גערדרייט לויט אייביקן דעקרעט - // געריטעמט ווי 1336

פּעטראַרקאַס אַ סאָנעט // ווי האַוזמאַנס ליד - געשליפֿן, גלאַטיק". לעיעלעס, 4, 116.

157 - גיט

(?נ?) ג ע ר י ט ע ר ט - פאר פון (שנש) ריטערן.

(רייטן ווי א ריטער).

גערי́טש - דאס/דער, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע ריטשען אָדער דאס ריטשען פֿון אַ סך (חיות, מענטשן).

1935 " אויפֿקנאַלן דעם גאַנצן רוים זאָל מענטשלעכער גערי́טש". מ. דיניטש, 1, 21. 1339

|| גערי́טשעניש - דאס, בא. דזוו דפֿוו |סטוטש 280|.

גערי́טשערײַ - דאס, בא. דזוו דפֿוו.

1967 " פֿעלדזן=שפּליטערס פֿאַלן אינעם ים אַרײַן// מיט אַ גערי́טשערײַ וואָס שפּאַלט דעם הימל". שטיקער, פּער, 69, 16/IV. 1343

159 – גוט

גערישט (זיך) – פֿאַר פּוּן ריטשן (זיך)

(רוקן זיך, שאַרן זיך).

ג ע ד י ט ש ע ט - פֿאר פֿון ריטשען.

ג ע ר ײַ ב - דאָס, באַ. 1. (שנש) דאָס דויערנדיקע רײַבן אָדער דאָס רײַבן פֿון אַ סך זאַכן צוזאַמען.

1972 " זײַ האָבן, די זײַלן, אין זײערע וואָרצלען

1345 אויפֿגעקרעכצט פֿון דעם אונטערצײַנדנדיקן גערײַב |...|".
ל. ראַכמאַן, פּער 38, נ׳ 76, ז׳ 107.

|| גערײַבעכץ - דאָס, =ן. צערײַבענע זאַך, מאַסע.

194... " פֿון הייסן טונקעלן פֿלעצל קוקט אַרויס אַ געלבלעך

1346 טונקעלע גרײַבערץ". שניאור, קיסר און רבי, באַנד? |, ז׳ 15.

ג ע ר יי ד - דאָס, באַ. 1. דאָס דויערנדיקע רעדן

אָדער דאָס רעדן פֿון אַ סך מענטשן צוזאַמען.

... " עס ווערט רויִקער... און, נאָך די חשבונות - גלאַט

1365 אַ גערייד... מען גענעצט און עס פֿעדעמט זיך אײַן

אַ שמועס". פּרץ, 15, 48.

1936 " |...| ווערט צווישן טאַטע=מאַמע אַ גערייד וועגן

1360 דער באַבעס שוואַכקייט". האָראָנטשיק, 3, 193.

1943 " שפּעטער אַ ביסל - בײַ אַלע טישן שוין אַן

קאַנק אַלגעמיינער גערייד און גערודער". נסתּר, 5, 82.

2. שמועס.

1941 " ער |אדוניה| האָט געהאַט אַ גערייד מיט יואב

1355 דעם זון פֿון צרויהן". תּרגום יהואש, מלכים א׳, א- 7.

1362 1973 " ס'איז דאָך אַ געריַיד וועגן מענטשן". אליצקי, 83,5.

3. (שנש) אַרויסרייד.

1963 " מע הערט בולט דעם חילוק אין געריַיד, און די
1366 ביידע פֿאָרמען |=ענץ, =אַנץ| זיַינען אומפֿאַרביַיטלעך
אין שריפֿט". זאַקוסקי, פֿער 90, XXIII - 2, ז' 58.

גערייַדעריַי - דאָס, =ען. גזוו גערייד, ב' 1.

1819 " אַזוי וויאַ דער חלום קומט אַן אויס גמישט פֿין
1372 פֿיל זאַכין אַזוי דאָס קול פֿין אַ נאַר מיט אַ סך גריידרייאַ".
איבן לעפֿין, קהלת, ה - 2.

1888 " עס איז אַ גערייַדעריַי, אַ געפּלוידעריַי: געשליפֿענע
קאַנק ציַנגלעך קלאַפּן, מיַילער איף שרויפֿן מאַלן, דרערטלעך
זיך |...|". מענדעלע, 3, 155.

1972 " די בעל=מלאכהס און די קרעמער |...| האָבן

1373 שלמהלעס גערעדערײַ כּלומרשט געלאָשן: 'שלמהלע,

שפּײַ אויס די ווערעמלעך און שווענק דיר אויס דאָס

מויל'". צאַנין, 3, 7.

/7 ס'איז אַ גערייד אויף אים (אויף איר, זיי) - (לאַקל,

אַסטראַוועצע) - עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן אים, רכילות.

ג ע ר יי ז ט - 1. פֿאַר פֿון רייזן.

2. אדי/אדוו. (עלט) רייזנדער. % ער איז אַ גערייזטער מענטש, באַאנזטגעוועזן אַ האַלבע וועלט.

ם

גרייזט.

1769 " ווײַלין איך אבר זעלבשט גרייזט בין אונ׳
1376 אלש גזעהן |...|". ס׳ ידי משה, דף יב.

ג ע ר ײַ ט - דאָס, באַ.1.(שנש) דאָס דורכגעריטענע דױערנדיקע

רײַטן אָדער דאָס רײַטן פֿון אַ סך רײַטער.

1960 "|...| בעתן |...| גערײַט |...| אַ שפּרונג האָט ער געטאָן

1377 אין גליקלעך הײסן צעשױמטן זאַמד". סוצקעװער,

4, 480.

2. (שנש) רײַטװאָגן מיט דעם אײַנגעשפּאַנטן פֿערד (אײזל,

קעמל); געשפּאַן.

1941 " און אַז ער װעט זען אַ גערײַט, געשפּאַנען |?|

1378 פֿערד, אַ גערײַט קעמלען, זאָל ער האָרכן אַ האָרכונג".

תרגום יהואש, ישעיה, כא - 7.|טעקסט לך:

וראה רכב צמד פרשים רכב חמור רכב גמל...|.

3. (נש, אהור) דאָס באַװײַזן פֿאַר אַ פּובליקום פֿעיִקײטן

און קונצן פֿון רײַטערײַ; ראַדעאָ.

|| גערײַטערײַ - דאָס, באַ. דזװו גערײַט, ב 1.

... "אַ פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע מיט אירע טראָמפּייטן, מיט
1383 אַ געריײַטערײַ, אַ גערײַאַגערײַ". פּרץ |דערצ'
'אַלטער רב שמעון" |.

ג ע ר יי ט ל ט - פּפּ געררויטלט. 1. פּאַר פון רייטלען/ רויטלען (זיך).

2. מיט רויטע פֿלעקן, רויט פֿאַרפֿאַרבט.

1948 " אין קאָפּ צעהיצטן שפּרינגען אַפּעלסינען // און
940 עפּעלען געררויטלטע ביז רייץ". סעגאַלאָוויטש, 12, 31.

ם גרייטלט/גריטלט.

1692 " דיא שילט |=שילדן| (גיבוריהו) פון זיינר
939 שטרקן |...| די א דא בלעגרן אויף אשור (מאדב) זייך
גריטלט". ס' המגיד, 2, נחום, ב - ד. |הי: געררויטיקט|.
1722 " |...| וא האבן זיא גיוואונן שאף דיא גפלעקטי
1380 אונ' גרייטלטי הייט גהאט האבן". מנורת המאור, דף קנה/ב.

(?נ?) ם| גערייטן| ג ר י ט ן - טרוו. פונאנדערדרייסן,

מהד: .gerîten

... " ויפשחני - און ער מהטא גריטן מיך, ל' פישוק רגל

1381 רגלים". רייכלין 8, איכה, ג - יא |תי: צעריסן|.

ג ע ר יי כ ן - ---→ גרייכן.

גערייכערט - 1. פֿאַר פֿון רייכערן.

2. אַדי/אַדוו. (וועגן טאַבאַק, פּאַפּיראָסן) וואָס ווערן געריכערט, ... מע האָט גערייכערט. % די שטוב איז פֿול מיטן ריח פֿון די גערייכערטע ציגאַרן.

3. (וועגן שפּייז=פּראָדוקטן) קאָנסערווירט דורך באַאַרבעטן מיט רויך. % גערייכערטע פֿיש. ער האָט ניט ליב קיין גערייכערטן אויפֿשניט.

1866 " איך האָב געעפֿנט אַ בודע |...| מיט אַלערהאַנט
1392 זאַקוסקעס |=צובייסנס|, גערייכערטע וווּרשט, צונגען |...|". פּער 177, נ' 43, ז' 662.

1974 " יורעק פּלאַנט נאָך אַריינצופּאָרן קיין קאַרטשעוו
1396 קויפֿן גערייכערטע פֿליישן". עלבערג, 2, 204.

|| גערייכערטס - דאס, =ן. אַ גערייכערטע שפּייַז.

% מע האָט דערלאַנגט צום טיש געבראָטנס, גערייכערטס
און אַנדערע שפּייַזן.

◻ אַ גערייכערטע ליולקע - ווען אַ מענטשן, וואָס האָט
אַ סך דורכגעמאַכט אין לעבן, געניט און געפּרוווט אין
אַלץ.

1909 " אַ מאָל טרעפט איר אָן |...| אויף אַ געניטן מענטשן,
|...| אַ דורכגעטריבענעם, אַ 'גערייכערטע ליולקע'". 943
שלום=עליכם, 39, 71.

ג ע ר יי מ ט - 1. פֿאַר פֿון ריימען (זיך).

2. אַדי/אַדוו. אין ריימען (גראַמען), געגראַמט.

% דאָס ליד איז געשריבן אין געריימטע פֿערזן.

1928 " ווער ווייסט די פֿרייד, ווען שורהלעך געריימטע

// קלינגען פֿלוצלונג דורך, ווי העלע גרוסן".

קושניראָוו, 2, 83. 1399

137

גערײמיק – אַדי/אַדוו. דזוו גערוים/גערוימיק.

1864 "דאָס קענען אַלע זיבער זײַן, אַז עס וועט זײַן
1401 אויף אַן אַנשטענדיק אָרט, אין צענטרום פֿון שטאָט,
און גרויסע, העלע און גערײמיקע צימערן".
פֿער 177, נ׳ 35, ז׳ 558.

1888 "|...| צוגעזאָגט איטלעכן אַ טייער פֿאַרעכץ,
קאנק גיך, געשווינד, גערײמיק, ווי די שׂררות".
מענדעלע, 3, 139.

רעד: מסתמא איז עס אַ דיאַלעקטישע שרײַבונג פֿון "גערוימיק".

175 - גער

(?נ?) ג ע ר יי נ ט - אדי/אדוו. (שנש) ריין, גערייניקט.

1959 " איי̱ער טרויער |...| דינער, גערייינטער, פֿרום

1402 באחנטער". א. אויערבאך, 6.

176 - רע

ג ע ר יי נ י ק ט - פאר פון רייניקן.

ג ע ר ײַ ס ע ר ײַ - דאָס, =ען. |סטוטש 447,324|.

קריגערײַ, מחלוקת; רײַסערײַ. % אַ גערײַסערײַ

צווישן די שכנים ווער ס'דאַרף רײַניקן דעם הויף.

178 - קעח

ג ע ר יי ע ט – פֿאַר פֿון ריַיען (נאַריַיען).

(?נ?) ם |גערייען/גערייען?| ג י ר י ה ן - בנב.

" דיא ווארהייט מוז איך איר נוך זאגן // דרום 1697

האט זיא מיט איר גיטראגן// פיל פינגרליך אונ׳ 1656

פערליך גיריהן // דאז זיא עז דען ארמן כלות אן גיליהן".

ס׳ משלים, דף מז - ז - זז.

רעד: ס׳איז מיר אויך ניט קלאר צי די פארמע איז א פארטיציפ אדער אן אינפיניטיוו.

180 - גרי

(?נ?) ג ע ר ײ פּ ט - פֿאַר פֿון רײַפֿן, (רײַף װערן).

ג ע ר יי פֿ ל ט - אדי/אדוו. (שנש) אין רייפֿן,

ווי רייפֿן.

1928 " די פֿעלדער - ברייט גערייפֿלטע, אין פּאסן".

1409 פֿיינבערג, 1, 52.

גערייצט - 1. פאר פון רייצן.

2. אויפגעהעצט, אויפגערעגט, פראוואצירט.

1909 " איך ווייס ניט ווער איער האלמס איז געווען, -

1411 האט דער מוזיקער מיט א האלב גערייצטן טאן געזאגט |...|".

יהואש, |באנד פראזע, דערצ' "דער פידל=שפילער אין הע[illegible]ט"|.

1917 " די גערייצטע פסיכאלאגיע פון דעם בעל=מלאכה

1414 און דעם הענדלער האבן נאך פארשארפט דעם אלגעמיינעם

פראטעסט פון דעם פאלק". זשיטלאווסקי, 6, 173.

|| גערייצטקייט - די, בא. אייגנשאפט אדער מצב פון

זיין גערייצט.

1949 " פרץ ווייזט ארויס אפילו א געוויסע גערייצטקייט

1415 קעגן די פראפאגאנדיסטן פון אלטן שטייגער".

ז. קאלמאנאוויטש, פער 94, XXXIII ב, ז' 57.

1968 " טאָבטשע האָט באַמערקט, אַז אונטער דעם שמייכל

פֿון זײַן באַוווּאַקסן פּנים זעט זיך אַזאַ גערייצטקייט, 1418

ווי בײַ אַ הונט |...|". ב. דעמבלין, יזב 2, 655.

ג ע ר יי ש ט - אדי/אדוו.(פֿד) צוגעפּראַוועט (א שפּייַז)

מיט פֿאַרפֿרעגלטע ציבעלעס. " גערייִשטע זופּ.

1936 " אַלטע, וואָס קאָכט מען הײַנט? ווידער גערייִשטע

קאַרטאָפֿליעס?". י.י. זינגער, 6, 98. 1424

1944 " מ'האָט אין דער לופֿט געפֿילט דעם שאַרפֿן ריח

פֿון גערייִשטע און געפּעפּערטע עסנס". י.י. טרונק, 108,3. 1422

---

רעד: בײַ סטוטש ניטאָ קיין ווערב רייִשן. עלטערע מענטשן פֿון פּוילן (מינסק מאַז', סאָכאַטשעוו) ווייסן פֿון "פֿאַררייִשן, צורייִשן", אָבער געדענקען ניט "רייִשן" אַליין.

147

ג ע ר י כ ט I - דאָס/דער, =ן. 1. מלוכה=אָרגאַן וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט לייזן קאָנפֿליקטן צווישן בירגער און מיט מישפּטן פֿאַרברעכנס קעגן געזעץ. % אָנגעבן/ אײַנגעבן אין געריכט אויף עמעצן. אָנקלאָגן עמעצן אין/צום געריכט. לאָדן זיך אין געריכט. שטעלן צום געריכט. דאָס געריכט האָט פֿאַרמישפּט דעם גנבֿ אויף דרײַ יאָר תּפֿיסה. דער פּסק=דין איז אַ שווערער, דאַרף מען אַפּעלירן צום העכסטן געריכט. ~~געריכט פֿון געשוווירענע.~~

1863 " ווען אַ נכרי איז אים געט שולדיק און ער ווערט אום שבת געוואָר, אַז דער נכרי וועט הײַנט אַוועקפֿאָרן 1479
און וועט אפֿשר ניט מער צוריקקומען, מעג ער גיין אום שבת צו דעם געריכט אים צו פֿאַרקלאָגן, כּדי מען זאָל אים ניט לאָזן אַוועקפֿאָרן". א. דאַנציג, 2, נז/א.

1905 " איצטער איז איבער באַאַמטע ׳לית דין ולית דיין׳.

1493 |...| מען קען אויף אַ באַאַמטן אין געריכט ניט

דערלאַנגען, אויב דער העכערער באַאַמטער ערלויבט דאָס ניט".

ב. ב-קי, 2, 15.

1922 " ווען דאָס געלט פֿאַדערט דער געריכט, מוז נאָך

1425 דערצו אויפֿן אָפּרעכענונג=צעטל גופֿא געמאַכט ווערן אַ

באַשטימונג פֿון געריכט". ב. האַלפּערין, 1, 21.

1949 " איך בין גרייט אַרויסצוטרעטן אַלס עדות אין

1508 אַלע געריכטן און אַפֿילו אין העכסטן געריכט".

סעגאַלאָוויטש, 10, 139.

2. אַ גרופּע מענטשן, באַשטימטע/געוויילטע דורך אַן

אינסטיטוציע(פֿאַראיין, פֿאַרבאַנד אע) צו באַטראַכטן

קאָנפֿליקטן צווישן די מיטגלידער, עבֿירות קעגן די

תּקנות. % דאָס חברים=געריכט האָט באַשלאָסן אויסצושליסן

צוויי מיטגלידער פון דער געזעלשאפט פאר אומפאסיקער
אויפפירונג.

3. דער גאנג פון די באטראכטונגען פון דעם געריכט;
דער מישפט, דער פראצעס. % צום געריכט איבער דעם מערדער
זיינען געקומען צענדליקער זשורנאליסטן. דאס געריכט
איבער די טעראריסטן איז פארגעקומען ביי פארמאכטע טירן.

1899 " |...| שטיין דארט פאר גאטס געריכט און אויסבעטן
פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט מענטשן |...| 1463
א גוט יאר". מענדעלע, 8ב, 31.

|1931-1935?| " זיבן הונדערט ארבעטער פון זאוואד זיינען
בייגעווען אויפן געריכט". מ. קולבאק, |8/9?|, 186. קאנק

1948 " |...| מע האָט געדאַרפֿט אײַנלייגן ערבות=געלט
קאנק אָדער |...| אַ זייער אָנגעזעענער שטאָט מענטש זאָל געבן
אַ חתימה פֿאַר אים, אַז ער וועט ביזן געריכט פֿון אָרט
זיך ניט רירן און ניט וועלן אַנטלויפֿן". נסתר, 6, 193.

4. דער ריכטער אָדער גרופּע ריכטער וואָס מישפּטן.
% דער באַאַמטער רופֿט אויס: אויפֿשטיין, דאָס געריכט
גייט! - און דער ריכטער איז אַרײַנגעקומען אין זאַל.
| 1931-1935?| " דער געריכט איז אַוועק באַראַטן זיך".
מ. קולבאַק, 8/9?| , 191.

1948 " און אַז ס'איז געקומען די צײַט, ווען ער האָט
קאנק באַדאַרפֿט אַרויסטרעטן צו זײַן אייגענער פֿאַרענטפֿערונג,
האָט ער קוים די ליפּן באַוועגט, שטאַמלענדיק און אָן שום
האָפֿענונג, אַז ס'וועט זיך לאָזן איבערצײַען די מיינונג
פֿון געריכט אויף זײַן זײַט צום גוטן". נסתר, 6, 198.

5. (עלט) גערעכטיקייט, געזעץ.

1885 " איבער אַלע געטער האָסטו גרויסע גערעכט געטאָן,
אַן זיי און אַן אירע אָפּגעטער". מחזור, 4, 23. 1434

|| גערעכטבאַרקייט - די, בא. (דטשמ) יוריסדיקציע.

1930 " וואַרשע, אַלס שטענדיקער זיצאָרט פֿון קיניג איז
אונטערגעליגן דער גערעכטסבאַרקייט פֿון מאַרשאַלעק". 1582
פֿער 58, נ׳ 3, ז׳ 15.

גערעכטיק - אדי/אדוו. (נש, סטוטש 315, 601) דזוו
גערעכטלעך. % גערעכטיקע אונטערזוכונג |סטוטש 315|.

גערעכטלעך - אדי/אדוו. פֿון גערעכט, דורכן גערעכט,
שייכדיק צו גערעכט, יורידיש. % די גערעכטלעכע
אויספֿאָרשונג האָט געדויערט דרײַ חדשים.

1911 " אויב די לייטער פונעם וואלאקט זענען שולדיק אין
דעם שרעקלעכן בלוטבאד, דאס זאל די גערייכטלעכע און 1573
פארלאמענטארישע אונטערזוכונג ארויסגעפינען און די
שולדיקע מוזן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט באשטראפט
ווערן". ספעקטאטאר, 1, 24.

1965 " א מאן האט דא געפאדערט גערייכטלעך, אז מען זאל
אים צופסקענען 14125 דאלאר שאדן=געלטער |...|". 1572
פער 69, X/28.

גערייכטעט - אדי/אדוו. (דטשמ) געמישפטער, פארמישפטער.

1868 " ער האט אנגעהויבן שוין צו מערקן |...| און איז
געגאנגען ווי א גערייכטעטער". דיק, 40, 83.

0 געריכט(ס)= - אדי. באשטימטייל פון א סובסטאנטיוו=

צונויפזאץ, באטייט: פון געריכט, שייכדיק צום געריכט.

% געריכט=אויספארשונג. געריכט=אויספארשער. געריכט=אויספירער.

די געריכט=אנטשיידונג. דער געריכט=איבערזעצער.

געריכט=אפצאל. דער געריכט=ארגאן(ען). / דער געריכט=אורטייל.

דער געריכט=באאמטער. דער געריכט=באפעל. דער געריכט=באצירק.

דער געריכט=בייזיצער. דאס געריכט=געהייס |נש, אווו|.

דאס געריכטהויז.

דער געריכט=דינער. דער געריכט=דיסטריקט. / דער געריכט=וועכטער.

דער געריכט=זאל. דאס געריכטהויז. די געריכט=מאכט.

דער געריכט=פראטאקאל(יסט). / דער געריכט=פראצעס.

די געריכט=פֿארהאנדלונגען. דער געריכט=פֿארשער.

די געריכט=פֿירונג. די געריכט=קאלעגיע. די געריכט=קאסטן.

דער געריכט=שרײַבער |~~מטמטש 109~~| דער געריכט=דאקטאר.

דאס געריכט=וועזן. די געריכט=מעדיצין. דער געריכט=פּרעזידענט,

דער געריכט=קאמיסאר (=קאָמארניק) |מארק ווב 320|.

געריכט=קאנצעלאריע.

רעד: געבן דעפֿיניציעס פֿאַר יעדן באַזונדער?

1873 " ניט ווייט פֿון דאַנען, זעסטו, שטייט אַ הויז,

דאָס איז א געריכטהויז, וואס דאָרט מישפּט מען אין נאָמען קאנק

פֿון אמת |...|". מענדעלע, 1, קאנק 331010.

1884 " איך ווייס נאָר פֿון דער ערשטער אויספֿאָרשונג, וואָס

די |...| גויים האָבן אָפּגעגעבן דעם |...| געריכט=אויספֿאָרשער". 1480

ספּעקטאָר, 5, 218.

1908 "די געזעצביכער און די <u>געריכטהייַזער</u> זייַנען

1584 אומבאַשטרייַטבאַרע עדות פֿון אויסגעלאָשענער ליבע".

<u>מ. ראָזענפֿעלד, 4, 249</u>.

1964 " די גאַנצע אָנגעלעגנהייט איז צו קאָמפּליצירט,

1587 און די דייַטשע <u>געריכטמאַכט</u> איז נישט געווען באַזונדערס

בייַהילפֿיק פֿאַר אויפֿדעקן |...| און אַנאַליזירן די

בערג מיט דאָקומענטן וועגן די היטלערישע פֿאַרברעכער".

<u>פֿער 69, 14/XI</u>.

1973 " אויף דער ידיעה פֿון די אַרויסגעטראָגענע

1548 געריכט=אורטיילן איז דעם 30סטן אַפּריל פֿאַרגעקומען

אין פּשיטיק |...| אַ פּראָטעסטשטרייַק |...|".

<u>יזב 18, 207</u>.

<u>אַפּעלאַציע=געריכט</u> - צווייטע געריכט=אינסטאַנץ, צו וועלכער

די צדדים קאָנען זיך ווענדן אָפּצושאַפֿן אַן אורטייל

פֿון אַ געריכט פֿון ערשטער אינסטאַנץ.

<u>ארביטראזש=געריכט</u> - געריכט, וואָס באשטייט ~~דורך~~ פון איינגעשטי-
מטע פאַרשטייער (אַרביטערס, בוררים) פון די צדדים אין
אַ סיכסוך, וועלכע זיינען פון פאַרויס מסכים אויף
דעם באַשלוס פון די אַרביטערס (ס'קאָן אויך זיין א
דריטער, שוין אויסגעקליבן דורך די אַרביטערס אַליין).

<u>ארביטער=געריכט</u> - <u>דזוו דפון</u>; בוררים=געריכט.

1929 "|...| וועגן אַן <u>אַרביטער=געריכט</u> פאַר די אינערלעכע
אַרגאַניזאַציע=ענינים פון דער געזעלשאַפט". 1513
<u>פער 70, נ' 4.</u>

<u>ארבעט=געריכט</u> - געריכט צו באַהאַנדלען סיכסוכים
צווישן אַרבעטער און אַרבעט=געבער.

<u>באַצירק=געריכט</u> - <u>דזוו קרייזגעריכט.</u>

~~1951 ==="=אלט=די=הויפטשטאט=פון=א=גובערניע=האט=קאנגע~~

1951 "אלס די הויפּטשטאָט פֿון אַ גובערניע האָט
קאָוונע געהאַט דעם 'אָקרוזשנאָי סוד' (באַצירק=געריכט)". 1530
פּער 106, 1177.

האַנדל(ס)=געריכט - געריכט צו באַטראַכטן סיכסוכים
אין תחום פֿון מיסחר.

יוגנט=געריכט - געריכט צו באַהאַנדלען מינעריאָריקע
פֿאַרברעכערס.

לאַנדגעריכט - דזוו מלוכה=געריכט.

מיליטער=געריכט - געריכט אין וועלכן די ריכטערס
זיינען מיליטער=לייט צו באַטראַכטן פֿאַרברעכנס
פֿון מיליטער=לייט, און אויסנעמלעכע פֿאַלן אויך
פֿון ציווילע בירגער קעגן דער זיכערקייט פֿון
דער מדינה.

**מלוכה=געריכט** – אָפֿיציעל געריכט, צום אונטערשיידן
פֿון יידישע בית=דינס אָדער בוררים=געריכטן.

1951 " אין פֿאַל ווען די יידישע בעלי=חובֿות פֿלעגן
ניט אָפּצאָלן זייערע חובות פֿלעגן די קרעדיטאָרן 1533
אָנקלאָגן אין די מלוכה=געריכטן די קהילה=אַדמיניסטראַציעס".
מ. ווישניצער, פֿער 106, 166.

**פֿעלדגעריכט** – מיליטערייש געריכט אין מלחמה=צײַט.

1970 " ס'איז זיי |די דײַטשן| צופֿעליק געלונגען
אים צו כאַפּן און שטעלן פֿאַר אַ פֿעלדגעריכט". 1440
יזב 7, 101.

**פֿרידנס=געריכט** – געריכט פֿון ערשטער אינסטאַנץ ספּעציעל
פֿאַר קאָנפֿליקטן צווישן בירגערס און קלענערע
עבֿירות קעגן געזעץ.

1947 " ער |בורשטינסקי| איז אפּילו באַשטימט געוואָרן פֿאַר אַן איבערזעצער בײַם טשענסטאָכאָווער פֿרידנס־געריכט". יזב 8, 19. 1435

קאַסאַציע־געריכט - דזוו אַפּעלאַציע־געריכט.

1947 " ער האָט זיך אָפּגעוואָלגערט אַ לאַנגע צײַט אין די טשענסטאָכאָווער און פּיעטריקאָווער תּפֿיסות, שפּעטער איז ער דורכן קאַסאַציע־געריכט אין וואַרשע באַפֿרײַט געוואָרן". יזב 8, 156. 1436

קלויסטער־געריכט - (עלט) געריכט פֿון גלחים, וואָס מישפּטן לויטן קאַנאָנישן געזעץ.

קרײַזגעריכט - געריכט פֿאַר אַ גרעסערן אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן.

1866 " לויט דער נײַער פּאָלאָשעניע |=תקנה, סטאַטוט|
1516 איז ערלויבט יִדן אויסקלויבן צווישן זיך אַ
זאַסעדאַטעל |=בײַזיצער, אַסעסאָר| אין אויעזדני סוד
(קריַיזקעריכט)". פּער 177, נ' 31.

1951 " דאָס קרײַזגעריכט איז אַ האַלב יאָר אין ווילנע
1482 און אַ האַלב יאָר אין גראָדנע". פּער 106, 312.

**קרימינאַל=געריכט** – געריכט צו מישפּטן פֿאַרברעכנס, צום אונטערשיידן פֿון געריכטן וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ציווילע ענינים (למשל, אַרבעטס=געריכט, האַנדלס=געריכט).

**שטאַטגעריכט** – געריכט פֿאַר אַ שטאַט, ווי אַ קלענערן אַדמיניסטראַטיוון איינס.

**שיידגעריכט** – (דטשמ) דזוו אַרביטראַזש=געריכט.

שנעלגעריכט - דזוו פעלדגעריכט.

ד געריכט פון געשוווירענע - געריכט וואס באשטייט פון א גרופע געוויינלעכע בירגער, וועלכע באשליסן נאכן ענדיקן דעם פראצעס, צי דער באשולדיקטער איז יא אדער ניט שולדיק; דעם פראצעס אליין פירט אן אפיציעלער ריכטער, ער טראגט אויך ארויס דעם אורטייל.

ם גיריכט/גריכט.

.1 ←

1774 " אפעלירן פון אונטער אן אובר גריכט זיך צו בירופן". חנוך לנער, דף כ - ה. 1534

.3 ←---

200



... " גוט דער הייליג ווערט מאכן איין גריכט.//

דען ארמן אז דען רייכן איר קיינט |?| ער בור גישט". 1442

שמואל=בוך, סטראפע 46.

1610 " פור לוכט דער דא אב נייגט <u>גירייכט</u> אילענדן

ווייזן אונ' וויטוועך". <u>טייטש=חומש, דברים כז-יט.</u> 1430

|1703?| " ריכס אלי מארגן דש <u>גריכט</u> אונ' בשירמט דעם

בירויבטן פון דיא האנט פון זיין פר צוקר". 1430/א

<u>חובות הלבבות, דף קח - 1.</u>

4 <-----

1610 " אונ' איר זולט היטן אל מיין גיזעץ אונ' אל

מיין גירייכט". <u>טייטש=חומש, ויקרא, כ - כב.</u> 1445

1680 " דרייא שרייאין נאך רעכט אונ' <u>גריכט</u>, דער

צו אינן קיינש בשירט |...|". <u>צוכט שפיגל.</u> 1540

ג ע ר י כ ט !! - דאס, =ן. פּפּ (דיאל): גערעכטס,

א שפּייז, אַ מאכל, אַ באַשטאַנדטייל פֿון אַ מאָלצייט.

% אַ געשמאַק געריכט. קאַלטע, וואַרעמע געריכטן.

געזאַלצענע, געפּעפּערטע געריכטן. דער מיטאָג איז

באַשטאַנען פֿון דריי געריכטן: אַ זופּ, פֿלייש און

קאָמפּאָט. דאָס ערשטע געריכט איז געווען געהאַקטע

לעבערלעך מיט ציבעלעס. צוגרייטן, דערלאַנגען געריכטן.

1832 " אַ בעל=תשובה באמת זאָל זען צו עסן אַ ביסל

|...| נישט אָנטצוטאָן |אַרייַנצוטאָן| זיך אין דער 1458

אכילה און נישט עסן פֿיל געריכטן". דוב בער |...|,

1, אות כ"ו.

רעד: אויסלייג |אויך שפּראַך?| מאָדערניזירט.

1873 "[...] צוליב זייער גוטן מיטאָג, וואָס איז אים
קומט אַרײַן מער אַ ביסל פֿלייש מיט שמאַלץ און מער 1504
מיט אַ געריכט ווי ביי דעם געמיינעם עולם".
מענדעלע, 9, 110.

1910 "[...] עסן אַט דאָס געריכט וואָלט געהייסן
זיך לאָבן מיט חלשות". מ. ראָזענפֿעלד, 7, 247. 1460

1931 "כ'באַשטעל אַ מאָלצייט פֿון זיבן קורסן, אָדער
געריכטן, אָדער, ווי איר רופֿט עס, 'בליודעס'". 1521
נאַדיר, 5, 133.

1944 "עסט און טרינקט און שמאַקעוועט די גוטע
געריכטן". שניאור, 8, 26. 1470

0 בײַגעריכט – צוגאָבלעך געריכט, אַ צוגאָב צום
הויפּטגעריכט פֿון מאָלצייט.

הויפטגעריכט - דאָס וויכטיקסטע געריכט פון מאָלצייט.

% דאָס הויפּטגעריכט פון מיטאָג איז געווען געבראָטנס מיט רייַז און מערעלעך.

מאַכט פון אַ שפּאָן אַ געריכט - א) וועגן אַ בעל=הביתטע אַ גרויסע בריה; ב) וועגן עמעצן אַן אויסטויגער, וואָס קאָן פון אַ קלייניקייט מאַכן אַ גרויסע זאַך.

1892 " עס טרעפט אָן אַנדערער איז אַ רעדנער אַ גרויסער, ער מאַכט פון אַ שפּאָן אַ געריכט". פּלאי, 2, 9. 1453

מאַכן פון עמעצן אַ דריט(ע) געריכט - מאַכן פון עמעצן חזק, מבטל זייַן.

.................................................................

רעד: כ'בין מסופק אין דעם אויסטייַטש (פון עלזעט!), איך האָב אַ מאָל געהערט דאָס ווערטל מיט פונקט אַ פאַרקערטן טייַטש, אַזוי ווי "מאַכן אַ גאַנצן צימעס", ס'הייסט מאַכן אַ זאַך, געשעעניש, אַ מענטש וויכטיקער ווי ס'איז.

שוו: אז מע פֿאַרלעשט די ליכט איז אַלץ איינס דאָס געריכט -

איך דער פֿינצטער איז אַלץ שיין.

................................................

רעד: איך האָב דאָס געהערט/אויך מיט אַ וווּלגאַרן טייטש -

וועגן מיאוסע מיידלעך...

................................................

פֿון אַ בחור און פֿון אַ העכט מאַכט מען אַלערליי געריכט.

ם גיריכט.

1. ←---

1541 " אונ' היש איך אויף טראגן גוטן ווייך // אונ'

מכן איין מול |?| מיט פיל גיריכטן". א/1495

בבא=בוך, סטראָפֿע 517, ש' 3 - 4.

1679 " אונ' יעקב קאכיט איין גיריכט". בליץ,

בראשית, כה - כט. 1495

1716 " דש איך דוא זאלשט דיין גריכט פֿר מינרן,

1492 אונ׳ ביהעלף דיך מיט איין גריכט אזו לאנג אז דוא קענשט". חובות הלבבות, 1, דף קמט - 1.

2. אדי/אדוו. געגרייט, צוגעגרייט.

150

ג ע ר י כ ט !!! - פּפֿ (דטשמ) געריכטעט,

פֿאר פֿון ריכטן (קערעווען).

ג ע ר י כ ט (IV) ז י ך 6 – 1. פֿאָר פֿון <u>ריכטן זיך</u>.

2. <u>אדי</u>. וואָס מע ריכט זיך/מ׳האָט זיך גערייכט אויף אים/איר (מער געניצט אין נעגאַטיוון זינען: אַן <u>אומגעריכטער</u> גאַסט).

ם|געריכט$\overline{\text{V}}$ | ג י ר י כ ט/ג ר י כ ט - <u>אדי/אדוו.</u> (?נ?)

געגרייט, צוגעגרייט.

1713 " דיא מצות דיא פר אויגן זייך אז איין <u>גריכטר</u>

טיש |...|". <u>מחזור, 1, דף ריג - 2.</u> 1455

1723 ' נון ווען ער ~~ש~~איין היים קומט אונ' פינט זייך

טיש גאר שין <u>גיריכט</u> - אונ זייני ליכט די ברענין 1469

שין אונ העל |...|". <u>לב̄ טוב̄, דף 1/55.</u>

(?נ?) ם [ געריכטס ‖ ג ר י כ ט ס/ג ר י כ ט ש ] - אדון.

גלייך, דירעקט.

1676 " דעש גלייכן ווייבר דיא דא האבן אלז גיהאלטן

|...| אונ׳ האבן אל צייט מקדש השם גיוועזן |...| 1578

זוילכי קומן גריכטש אינם גן עדן". ברנט שפיגל,

פרק ו׳.

ג ע ר י כ ט ע ו ו ע ט – פֿאַר פֿון ריכטעווען.

גערילא - די, בא. (נעאל,שפּאניש) פּאַרטיזאַניש געפירטע מלחמה.

1949 " מיר האָבן געמוזט דעמאָלט פירן א גערילא=קריג".

1603 פּער 38, נ' 2, ז' 12.

1962 " עס זיינען פאַרגעקומען אומציילקע צוזאַמענשטויסן פון א גערילא=כאראקטער". פּער 94, נ' XLIII, ז' 214.

1605

ג ע ר י ל צ ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון רילצעווען |?|.

1967 " יענער האָט געריִלצעוועט דאָס בריוול און יעדע רגע געשטשירעט מיט די אויגן ". קאַרפּינאָוויטש, 1. 1607

........................................................

רעד: איז דאָס ניט אַ מאָל פּונקט אַזוי אויסגעטראַכט "רילצעווען" ווי "שטשירען מיט די אויגן" – מע שטשירעט (מיט) די ציין, ניט מיט די אויגן...

........................................................

ג ע ר י מ ט – 1. פאר פון רימען.

2. אדי/אדוו. (עלט) באַרימט, באַוווּסט.

1866 " מען זאָל אונדז אַריינשיקן וויציקע ייִדישע ווערטלעך פון אונדזערע גערימטע ווערטל=זאָגער". 1612

פער 177, נ׳ 44, ז׳ 666.

1885 " גערימטער ריצער, – האָט דער בעל חוטא |...| געענטפערט". זילבערמאַן, 1, 28. 1618

1935 " אפילו די אַזוי גערימטע רענעסאַנס האָט אויך נישט געברענגט קיין גרויסע בעסערונג פון דער ייִדישער לאַגע". קאַפּלער, 1. 1615

☐ שוו: "צו אַ גערימטן בוים גיי נישט מיט אַ ליידיקן זאַק – " גלייב נישט קיין פּוסטע באַרימערייען" |קטוור|. 1610

רעד: מסופק אין דעם אויסטייטש פון זאַמלער.

ם גיריהמט.

1744 " זאמלט מיר איין מייני פרומי לייט אויך אלי
דאקטארוס פון דיא גיריהמטי שטאט (גלעד), רופט 1611
מיר מייני וואר הפטיגי לייט |...|". בחינת עולם,
דף טז - 2.

גערימל – דאס, =ער. געזעמל, בינטל, פּעקל; רומל.

1875 " און צו די דאָקטוירים דעם גערימל, // ווי אראָבגעפאלן פונעם הימל,// קומט א דאָקטאר פלוצלים אונטער". מענדעלע, 10, 152. 1609

ג ע ר י מ פּ ל - דאָס/דער, ב״א. |סטוטש|. דאָס דויערנדיקע רימפּלען אָדער דאָס רימפּלען פֿון אַ סך (מענטשן, כּלים).

ג ע ר י מ פּ ל ט - פּאַר פֿון רימפּלען.

ג ע ר י נ ג I - אדי/אדוו. (דיאל) גרינג, לייכט.

1921 " קען זיין מיין לעבן איז גערינג, // איז
1624 ווי בריליאנטן=טוי אין ווינד". מעסטל, 1, 56.

1625 זיי זאלן זיך גערינג האלטן - ווינטשעוואניע.

□ גירינג.

1541 " זג מיר נורט אן ולוקש |?| אונ' גירינג |...|
1623 וואו הושטו היך גיטון מיין גולדן רינג". בבא=בוך,
סטראפע 306, ש' 1, 3.

ג ע ר ׳י נ ג !!  –  דער, =ען. "(טערמ׳ סטאַלערײַ)

דער רוקן וווּ ס׳גייען זיך צונויף דער קאַרניז מיט דער פּאַפּערעטשקע" |קטוור|.

א׳ 1625

| |
|---|
| רעד: קאַרניז, פּאַפּערעטשקע – פֿון וואַס? |

ב/1625  7  "מאַכן אויפֿן גערינג" – "אַרבעס=פּראַצעס, סטאַלערײַ"|קטוור|.

ג ע ר י נ ג ל - דאָס/דער, בא. |סטוטש 157|.

1. דאָס דויערנדיקע רינגלעך.

2. אַ צונויפֿשטעל פֿון רינגען, רינגעלעך.

221 - גער

ג ע ר י נ ג ל ט – 1. פאר פון רינגלען.

2. אדי/אדוו. אין דער פארעם פון רינגען/רינגעלעך.

1915 " ווי ליב זיי לויכטן זיך די וואלקנדלעך די קליינע,// די ווייס גערינגלטע, די פוכיקע און ריינע". נײַדוס, 1, 129.

1628

222 - גער

(?נ?) ם |גערינדיק| ג י ר י נ ד י ג - אדי/אדוו. בנב.

1706 " עס איזט איין מאל גיקומן איין גירינדיגר בעטלר

1629 צו איין מלך צו זיין טיש בעטלין". קב הישר, 1,דף טו/א.

ג ע ר י נ ע ן – אוטוו, פאר גערונען.

1. זויער ווערן, אנהייבן פערמענטירן (וועגן מילך אדער אנדערע שפייזן מיט מילך). % די מילך וועט גערינען, אויב מע וועט זי ניט אויפזידן.

די סמעטענע איז שוין גערונען, שטייענדיק אזוי לאנג.

דער מילכיקער בארשט איז גערונען געווארן.

2. (פיג) צו נישט ווערן, פארשווינדן.

1929 "האבן דעכער אויסגעקרעכצט א פארגליוועט דערשראקענעם סאליוס, דער טאג האט זיך א בראך געטאן, צוגעזעצט און גערונען געווארן". מארקיש, 4, 338. 1637

רעד: דעם צווייטן טייטש גיב איך נאר אויפן סמך פון דער ציטאטע פון מארקישן, ס'קען אבער זיין (אקשיא אויף מארקישן!...), אז ער האט גאר געמיינט: אנטרונען, אויסגערונען...

17 דער מוטערס מילך איז אים גערונען געוואָרן - וועגן עמעצן וואָס האָט זיך שטאַרק דערשראָקן.

גערונענע מילך - "וועגן אַ סחורה וואָס טויג ניט" |קטור,סאָניק|.

שון: זיבן יאָר אַ באַרשט געקאַכט, און צום סוף איז ער גערונען געוואָרן - וועגן אַן עסק וואָס מע לייגט אין אים אַריין אַ סך מי און צײַט און ס׳לאָזט זיך אויס מיט גאָרניט.

ם גירינן/גרינן.

1697 " די מילך קונט ער וואל מאכן גרינן // אונ אליך טאג מאכט ער אייך קעז אדר דרייא |...|". 1633

ס׳ משלים, דף לג - II.

1728 " נעם ציגן מילך אונ' טוא ארייַן קליין גשניטן

1112 קנאבלעך אונ' |...| אונ' לאז עז וואול קאכין דש

די מילך ניט גירינט אונ' גיב אים [דעם וואס

ליידט אויף ווערעם] |...| צו טרינקין".

סגולות ורפואות, דף כג, ב - I - II.

(?נ?) ג ע ר י נ צ ל ט - אדי/אדוו. (דיאל) דיוו גערונצלט.

1885 " דארטן איז ער געשטארבן |...|. אויף א טייל

פלעצער |פון גוף| האט מען געזען צוזאמ|ען| 1641

גערינצלטע העפטן, אויף א טייל פלעצער איז נאר גלאט

בלויע פלעקן". פאנעט, 1, דף כה/2.

|1930-1926| " אין א ווינקל איז אויסגעוואקסן א

געבויגענע זקנה, געקוקט א ווײַלע, אויסגעשטעלט 1639

א לאנגן גערינצלטן האלדז". אפאטאשו, 12, 49.

1974 "איר הויט איז גערינצלט |...|".

עלבערג, 2, 44. 1643

גערי̗ס I – דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע רייסן.

1922 " |...| מיט אַרשינען פּאַלשע אויף געריס, פֿאַרשמירטע, // מעסט מען ספֿר=תּורהשע יריעות". 1647

מאַרקיש, 2, 14.

רעד: ניט זיכער אין אַ ווּיסטיישש.

(?נ?) גערים II - דער, =ן. (דיאל) גרוס.

1923 " זיי שיקן מיר א דופּטיקן גערים"|נײַדוס,141,2|.

רעד: ווי קומט צו נײַדוסן דעם ליטוואַק די פּאַרמע?
סײַדן צוליב אַ גראַם... און אפשר איז עס אַ גרײַזן?
זען דאָס בוך!

(?נ?) ם |געריסט| ג י ר י ש ט - 1. געשפּײַזט.

1689 " סוסים מוזנים - פערד די דא זיין גירישט".

1645 באר משה, ירמיה ה - ח. |תי: אָפּגעפּיטערטע|.

2. אויסגעשטאַט, באַוואָפנט.

1761 " איין יהודי דר היש אלעזר זאך איין גרושי

א/1647 העלפנט, דר גרעשט אונטר אלי און וואר וואול גירישט

|...|". ס׳ יהודית |...|, דף יא/2.

ג ע ר י ס ן I - פאר פון רייסן.

ג ע ר י ס ן II - <----- גריסן.

232 – רלב

ג ע ר ײ ע ט – פאַר פון רײַען. |אוױר|.

ג ע ר י פּ ט - אדי/אדוו. ווי ריפּן, אין דער

פאַרעם פֿון ריפּן. |פּינקעל, 55, טײַטש פֿון רוסישן 1657

ребристый |.

234 - גער

ג ע ר י פ י ע ט - "(לאקל) דאס וערן שארסטקע, פון

1660 דער הויט צוליב שרעק, געלט, שוידער" קטוו, וועגגראוו.

ג ע ר י פֿ ל ט  -  אַדי/אַדוו. (נש, טערמין) שאַרף

גערונצלט, מיט שאַרף געפֿורעמטע רינוועס [פֿינקעל,

1, 56, טײַטש פֿון רוסישן [рифленный 1662

% געריפֿלט גלאָז. ; געריפֿלט אײַזן.

236 - גער

געריפּסט – אַדי/אַדוו |סטוטש 160|. הויל,

אויסגעהוילט, גריבערדיק.

................................................................................

רעד: פֿון וואַסער וואַרצל איז דער אַדיעקטיוו?!

ס'איז דאָ אַזאַ צייַג "ריפּס", אָבער ווי קומט עס

אַהער? קיין ווערב "ריפּסן" גיט עס ניט, 6160.

................................................................................

ג ע ר י פֿ ע - דאָס/דער, בא. | סטוטש 282|.

דאָס דויערנדיקע ריפֿען (קלאנג).

ג ע ר י פ ע ט ! - פֿאר פון ריפען (קלאנג).

239 - לח

ג ע ר י פ ע ט ( ז י ך ) !! - פאר פון ריפען (זיך)

(באוועגונג).

גערי́ץ - דאס//דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע ריצן( גרילציקער קלאַנג ביַים ריַיבן איין זאַך אין דער אַנדערער).

1958 " ער האָט געהערט, ווי ער שאַרט די שטעקשיק, און דאָס שאַרן ריצט אים אָפּ אין שאַרבן מיט אַ זאַמדיקן גערי́ץ". מעו, 2א, |162?|. 1663

ג ע ר י צ ט - פאר פון ריצן.

געריק - אדי/אדוו. (פּד) 1. גערן, מיט חשק.

1941 " יענער ענטפּערט נישט געריק". אַפּאַטאַשו,

פּער 90, נ' I - 5, 156. 1668

2. באַגערנדיק, שטאַרק ווייליק; גיריק.

1955 " אויפגעכאַפּט יעדן קער און ריר, איז

געריק געווען צו הערן וואָס איינער וועט זאָגן 1667

דעם אַנדערן". אַפּאַטאַשו, 18.

|| געריקייט - די, בא. אייגנשאַפט פון זיין געריק.

% זיין געריקייט צו געלט איז געווען גרויס.

גערי קערײַ - דאָס, בא. דאָס דויערנדיקע רוקן (זיך), אָדער דאָס רוקן (זיך) פֿון אַ סך (זאַכן, מענטשן). (?,?)

1864 " איז געוואָרן, ווי דער שטייגער איז, אַ הוסטערײַ, אַ נאָז=שנײַצערײַ, מיט די בענקלעך אַ גערי קערײַ". קאנק

מענדעלע, 12, 47.

רעד: פֿאַר וואָס "געריקערײַ" ניט "גערוקערײַ"? אפשר אַ גרײַז?

ג ע ר י ר ט – 1. פאר פון רירן.

2. שטארק באווירקט פון א גוטן געפיל (רחמנות, מיטגעפיל, דאנקבארקייט אע); עמאציאנירט. % גערירט פון פרייד.

א גערירטע ביין טרערן, האט זי אים געדאנקט פאר

זיין גרויסמוטיקער הילף. ער איז געווען זייער

גערירט פון דעם שיינעם קבלת=פנים.

1895 " די יונגע=לייט זענען מיט א גערירט הארץ

קאנק אוועקגעגאנגען |...|". מענדעלע, 7ב, 30.

1927 " |...| ווער ס'האט דאס ליד נאר געהערט, //

1673 דער האט זיך געמוזט – ביז צום ווייגען גערירט –

אראפנייגן ביז צו דער ערד". מ.ל. האלפערן, 122,2.

1968 " זייט מיר מוחל, – האט זיך שיע געבעטן, א

קאנק גערירטער ביז טרערן, וואס דער בחור גלייבט ניט אין

בילבול אויף אים". גראדע, 7, 114.

3. ניט ביים פולן זינען, גייסטיק קראנק. % גערירט
פון זינען. דער ייִד איז מסתמא גערירט, ער
רעדט גאר ניט צו דער זאך, ענטפערט בוידעם=פאליצע.

1882 " צי ביסטו משוגע, צי איז גערירט דיין
מוח!". מ. גארדאן, 2, 33. 1679

1907 " זי איז גערירט פאר צרות... א קלייניקייט -
פארלירן איין וואך צוויי קינדער!". 1567
שלום=עליכם, 33, 145.

|1935-1931| " צי איז ניט א מאל די מומע גערירט
פון זינען?". מ. קולבאק, |7/8|, 117. קאנק

1948 " |...| צי האט ער ניט פאר זיך |...| עפעס א
צעדרייטן, א גערירטן, וואס די רייד און דאס קאנק
פארנעמען זיך מיט אים אין איבעריק". נסתר, 6, 21.

|| **גערירטערהייט** - אדוו, אין מצב פֿון זײַן/ווערן גערירט פֿון אָרט.

1935 " |...| לאָזט ער דאָס |מאַלצײַט| קאַלט ווערן, און מען טראָגט עס אַרויס נישט גערירטערהייט". באַשעוויס, 1, 82. קאנק

**גערירטקייט** - די, בא. מצב פֿון זײַן (אָנ)גערירט אין ב'2.

1920 " האָסט עפּעס דערשנאַפּט? - ווענדט ער זיך שטיל צו זײַן באַגלייטער, אָבער פֿון גערירטקייט קאָן מען עס הערן אין צווייטן עק מאַרק". ע. וואַרשאַווסקי, 1, 233. 1717

1944 "גאַנשעראָווסקיס אויגן זײַנען פֿײַכט געוואָרן פֿון גערירטקייט". טרונק, 3, 119.

גערירט אויפֿן בוידעם=שטיבל (וואר: אויפֿן קאסטן, אויפֿן אייבערשטן שטאק, אויפֿן שײַטל, אויף דער לעפּעטינע) – (איר) וועגן אײנעם וואס איז ניט בײַם קלארן פֿארשטאנד.

גריהערט.

2. ⟵

1796 " ער וואורדי דא דורך ביז אין דיא זילי גריהערט".

טויזינד אונד איין פירטל שטונד, דף, טז – 2.

ג ע ר ל אָ נ ד ע - ----> גירלאַנדע.

249- גער

גערליגע |הארטעל און י|. – די, =ס. לאַנגער

Ик: гарлига פֿאַסטעך=שטעקן מיט אַ פֿאַרבויגענעם הענטל.

1882 " |...| גריכט אַרויס פֿון די טשאַבאַנסקע בודקעס,

1732 וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך די סוויטעס, שלײַדערט אַוועק

די גערליגעס און גייט אײַך געזונטערהייט".

ליניעצקי, 6, 6 – ז.

(?נ?) גערלע - <u>די, =ס.</u> (<u>רומ</u>). 1. "אַ שלוכט |?|,

אַ לאַנגע פּאַרטיפונג אין דער ערד אונטער אַ באַרג 1725

אָדער אונטער אַ בריקל, ווו ס'פּליסט שמוציק וואַסער" |<u>קטוו</u>|.

% "וואַרף אים אַריַין אין דער <u>גערלע</u>, צום וויסטן יאָר,

וואָס טויג עס דיר!".

Rum: gârla

2. " אַ שטורמיש לויפנדיק וואַסער נאָך אַ שלאַקסרעגן,

צעלאָזן איַיז, צעגאַנגענער שנײ" |<u>קטוו</u>|. 1724

195

גערמאַן - דער, =ער/ען. (איר/פּעיאַ). GERM

1950 " די גערמאַנען וועלן זיך רוען // אין רשעות,

1728 ווי תּמיד". סיגאַל, 3, 76.

1963 " |...| פֿאָלק פֿון די בלאָנדע גערמאַנער".

1756 מ.מ. שאַפּיר, 1, 7.

|| גערמאַנאָמאַניע - די, באַ. די גוזמאדיקע שטרעבונג

צו זײַן/אויסזען אַזוי ווי די דײַטשן.

... " |...| האָט ער די גערמאַנאָמאַניע געשטעלט צום

1729 שאַנדסלופּ מיט וויץ, שפּאָט און שׂכל=הישר". פּער 94, 66.

ב' XXIII, 3

גערמאַניזאַציע - די, באַ. דאָס אַרויפֿצווינגען די

דײַטשע שפּראַך און קולטור.

גערמאַניזירן - טרוו. אַרויפֿצווינגען די דײַטשע שפּראַך און קולטור.

גערמאַניזם - דער, =ען. 1. (לינגוו). אַ וואָרט וואָס שטאַמט פֿון אַ גערמאַנישער שפּראַך.

2. פּאָליטישע שיטה, וואָס באַשטייט אין שטיצן זיך אויף דער ענגער פֿאַרבינדונג מיט דײַטשלאַנד.

1940 "דערפֿינדן |...| 'גערמאַנישע' געאָמעטריע אָדער פֿיזיקע - קען אַפֿילו ניט טשעמבערליין, דער פֿאַנאַטיקער פֿון גערמאַניזם". קאַראַלניק, 2, 297. 1734

גערמאַניזירונג - די, בא. דזוו גערמאַניזאַציע.

1938 " וואָס מיינט |...| די דאָזיקע גערמאַניזירונג

פֿון די אַלטע צדיקים און 'גוטע=ייִדן" |...|". 1736

קאַראַלניק, 1, 206.

גערמאַניסט - דער, =ן. געלערנטער וואָס פֿאָרשט די גערמאַנישע שפּראַך.

גערמאַניסטיק - די, בא. די וויסנשאַפֿט וועגן די גערמאַנישע שפּראַכן.

גערמאַניע - די, בא. (איר/פֿעיאָ) דייטשלאַנד.

1956 " אַרויסשפּייַען וועט אייַך פֿון זיך די ערד, און

איר וועט טויטע אומקערן צוריק זיך קיין גערמאַניע". 1742

מערקיש, 11, 472.

<u>גערמאניש</u> - ז. פֿון גערמאניע, שייך צו גערמאניע.

1912 " אויב די דײַטשע |?| פֿעלקער ווילן זיך אָפּזאָגן

1745 פֿון זייער אייגענער עקזיסטענץ און פֿאַרטרונקען

ווערן אין <u>גערמאנישן</u> ים, טאָר זיי דאָס קיינער ניט

פֿארווערן". <u>זשיטלאָווסקי, 4, 39.</u>

1943 " |...| רעדט ער וועגן דעם שעדלעכן פֿראַנצויזישן

1749 באַציל וואָס האט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין קערפּער פֿון

גערמאַנישן פֿאָלק". <u>י.י. זינגער, 8, 235.</u>

1970 " די דײַטשע מערדער האָבן דאָך אַפֿילו דאָס מאָרדן

1751 געמוזט אַדורכפֿירן מיט <u>גערמאַנישער</u> סיסטעמאַטישקייט".

<u>יזב 15, 835.</u>

2. באַצייכענונג פֿון אַ ריי שפּראַכן פֿון פֿעלקער אין

צפֿון=מערב=אייראָפּע. % צו די <u>גערמאַנישע</u> שפּראַכן

געהערן דײַטש, האָלענדיש, פֿלעמיש, דעניש <u>א"א</u>.

גערמאַנסקע - אַדי. (פּטמ) דײַטשיש.

1975 " זאָג נאָר, דעם גערמאַנסקן לשון קענסטו?".

סוצקעווער, 7, 91.

גערמאניום - דער, בא. כעמישער עלעמענט,

סימבאל Ge, אטאמוואג 72.5 |פײנסטאון, 1, 149|.

257- גער

(?נ?) ג ע ר מ י צ ׳ י ד - דער, =ן. (ביאל) בנב.

ג ע ר מ ע I - די, =ס. |סטוטש 249|. בנב |קנאַספּ,
שפּראָץ?|.

(?נ?) O גערמע=טעאַריע - די, בא. בנב.

(?נ?) גערמע=פּלאַזמע - די, =ס. בנב.

ג ע ר מ ע II - די, =ס. (עלט) בנב.

1893 "אַ שיינע ווײַסע גערמע, אויף דעם האַרץ אַ ברוסטטוך מיט שפּאַניר". אַהנשטיין, 2, 25.

1759

רעד: לויטן קאָנטעקסט מיינט עס אַן אַמאָליקן פּרויען=בגד.

260 - גער

200

(?נ?) ם |גערמער| ג י ר מ י"ר - |דער| בנב.

... " שאם נמצא חטים בתוך הכר' שצמחו מלחלוחית

1763 הארץ שקורין גירמי"ר שאינם בטלים אפי' ניטחן קודם הפסח".

שו"ת תרומת הדשן, סימן 114, חלק א'.

ג ע ר ן I - אדוו. מיט חשק, זייער ווייליק, מיטן
בעסטן רצון, מיט פארגעניגן. % ער וועט גערן
מיטגיין אויף דער עקסקורסיע, ער האט זייער ליב די
נאטור. כ'וועל דיר גערן געבן די הלוואה, דארפסט
ניט בעטן קיין סך. די ארבעט טוט ער ניט גערן,
ווייל זי איז זייער א נודנע.

[שנירער XIX ייד] "איך בין געפארן טאג און נאכט, אצינד בין איך
1795 זייער מיד און העט מין גערן ערגעץ גאר אויסגערוט".
עטינגער, 3, 420.

1888 "ער |ר' אברהם| האט גערעדט גערן מיט אלע גלייך,
קאנק גענומען צום הארצן איטלעכנס א זאך |...|".
מענדעלע, 3, 96.

1910 " די אלטע הגדה ליגט אפן |...| איך לייען זי
1815 גערן". פרוג, 1, 140.

1938 " שיקן אַ פּאָר רובל |...| וואָלט איך אים גערן

1856 געשיקט, האָב איך אָבער נישט". מאַנגער, 1, 74.

1958 " איך וואָלט גערן געגעבן אַ קיצור פֿון אָט דעם

1799 איבערבליק, אָבער אַפֿילו אַ קיצור וואָלט געפֿאָדערט צו פֿיל

פּלאַץ". ניגער, 8, 209.

|| גערנקייט - די, באַ. ווילִיקייט |אויוו|.

△ גערן האָבן - ליב האָבן, געפֿעלן, באַציִען זיך

גוט.

מיט

גערן זײַן – זײער װעלן, באַגערן, װעלן בעסער אײן
זאַך װי אַ צװײטע, זײַן צופרידן. % ער איז גערן
אַז מע לאָזט אים צו רו: זײ זײַנען געװען גערנער
צו שטאַרבן , אײדער זיך אונטערצוגעבן.

1843 " גאָט ב"ה איז נישט גערן אװעקצונעמען דעם רשע
פון דער װעלט, נאָר ער זאָל תשובה טאָן". 1906
ס' שיח ספונים, 2, 19.

1888 " רײזע האָט אים אױפגענומען שטענדיק מיט כּבֿוד,
איז זײער גערן געװען זיך אַרײַנצולאָזן מיט אים קאנק
אין אַ שמועס |...|". מענדעלע, 3, 144.

1943 " האָט ער זיך געמאַכט, װי* װײַטערדיקע פּראַגעס
איז ער ניט גערן". נסתר, 5, 155. קאנק

וואלט(ן) גערן - דזוו זיבן גערן.

1886 " מען וואלט גערן איינער דעם אנדערן איינשלינגען".

בעקערמאן, 6, 31.

1948 " ער וואלט גערן מיט אים אייביק בלייבן".

קאנק נסתר, 6, 327.

דער ארעמאן איז גער, אז ער בלייבטביים קרן (שוו) — וואס האט ניט פארדינט ביי אן עסק, אבער כאטש ניט אנגעווארן.

גערן/גערין.

" איך וויל צו דוד רייטן איך קאן עש ניט

1787 אנפערן.// ער מושט איך רייטן לושן אונ' טעט עז דוך

ניט גערן". שמואל=בוך, סטראפע, 994.

1541 " און' דער מיך הוט גישלאגן דש איך דא ליג

1771 דער מאלט איך גערן זעהן אונטער זיין אויגן".

בבא=בוך, סטראפע 576, 5 - 6.

| סוף XVII | " אוב מיר נון שוינט דאקטוירים און' אלי

1806 מענשליכי הילף גערין אן גיוועגט העטין זוא האט

זולכיש דאך אליש ניקש העלפין וואלין". גליקל האמיל, ז' 191.

1732 " ווען דו דיין צארין טושט אום ווענדין און אום

1820 קערין, אזו ווערט דיך איטלכר ליב און האלד האבן

גערין". עיון יצחק, דף 48/ב.

גערן האבן.

1544 " דא ליש ער באלד זיין בוטן צו אביגיל גון

1790 // וואלשטו דוד נעמן ער וויל דיך גערן הון".

שמואל=בוך, סטראפע 651.

... " השטו נון עש גערן// זא לוש דיר בארט אבא שערן".

א/1790 מגילה מינכן, דף מ/94 א.

1752 " אונ' וועז דש קינד גרעשר ווערט זול ער אשן

1779 געבן וואש ער גערן האט". ס' עץ חיים, דף יג/3.

267 - גער

ג ע ר ן II - אוטוו, פאר געגארן. (עלט) יערן,

פערמענטירן.

1861 " ווען איינער שעפּט אַפּ פּון ווייך (ווען עס

גערט) און גיט איך (קאלטע) שפּייז, איז ער פּטור, 1889

אבער איך איין טאָפּ איז ער חייב". איבן אָן, משניות,

דף 3/ב.

1861 " גיגאסענע וואסער אויף ווייך הויווין איידער

עס האט גיגארין טאר מען ניט קויפן פאר געלט פון 1786

מעשר |...|". דצוו, ~~צגז.~~ 3ג'.

(?נ?) ם ג ע ר ן !!! - דער |מצ?|. זוים, ברעג (פֿון אַ בגד).

מה"ד: gêr, gêre.

1544 " ער ביגרייף איך בייא זיינם גערן אונ' צו ריש אים

1792 דען פפעלר זיין". שמואל=בוך, סטראָפֿע 275.

1689 " כנף המעיל - דעם גערן פון מאנטל".

1885 באר משה, שמואל א, כד- ד.

1716 " אונ' איך דיין גערן אונ' שליפּ איז גיפונדן דאש

1783 בלוט פון דיא דרפטיגן נפשות". ס' המגיד, 3,

ירמיהו ב 8 לד.

(?ג?) ם ג ע ר ן IV - טרוו. באַגערן, גאַרן. מה"ד: .gërn

... " זולכר ערן אישט ער ווערט, // דער דעש קוניגש

1891 אים הימל הולד צו אלם צייטן גערט". מגילה=ליד,

ש"ש 1184 - 1185.

ג ע ר נ וו י ל י ק - אַדי/אַדוו. 1. דזוו גערן ז.

... " די בליצלאַמפּן אין שטוב בלענדן זיי דורך די

1909 מידע אויגן, און זיי לאָזן זיך גערנווילִיק צו דער

אַרבעט ". ווײַסנבערג, 16.

1922 " מוחל איז ער |גאַט| אלע זינד, צי מען טוט זיי

1913 גערנווילִיק צו אומגערן". צוקער, 1, 45.

1941 " און דו האָסט מיט זיך פּאַר יעטוועדע אַרבעט

1912 איטלעכן וואָס איז גערנווילק". תרגום יהואש,

דברי הימים, כח - 21.

1970 " געזעלן און משרתים, שיקיינגלעך און נייטאַרינס -

1916 האָבן גערנווילִיקע און נייגעריקע, זיך איבערגעגעבן

דער פּוילישער 'ספּראַווע'". ב. רעסלער, פּער 69, I/31.

2. פּרייוויליק, פון אייגענעם ווילן, ברצון, ~~במזיד~~.

1864 " און ווער האָט במזיד (גערנוויליק) אויסגערעדט,

מוז פון אָנפאַנג ש"ע נאָך איין מאָל מתפלל זיין". 1914

ברודא, 1, טו - II.

1949 " אַ הונדערט צוואַנציק ייִדן האבן דאָרטן געאַרבעט,

|צו|ערשט געצוואונגענערהייט, דערנאָך גערנוויליק". 1911

א. י. העשל, פּער 94, XXXIII, ז' 16.

0 ניט=גערנוויליק - אומגערן, ניט=ווילנדיק.

... " נעמענדיק זיך אין אַ זייטגאַס האָט זי דאָך

נישט=גערנוויליק, זיך אומגעדרייט און דערזען אַז 1908

ער שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט". פּרץ, דערצ', משופּע.

ג ע ר נ ע - די, =ס. 1. (פּטמ) האלדז, גאָרגל.

2. " די מאָגערע טיילן פֿון רינדערן פֿלייש, באַזונדערס פֿון האַלדז"|קטוו|.

קריכן אין די גערנעס - דערעסן, פֿאַרנודזשען, דערגיין די יאָרן.

1916 " איז זי טאָג=טעגלעך געקראָכן אין שטאָט אַריין, 1931
געקראָכן צו יעדער בעל=רחמנותטע אין די גערנעס,
גענומען פֿון טויט און פֿון לעבעדיק". זילבערבוש,1,124.

1925 " וואס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס
קריכט איר מיר אין די גערנעס? איך וויל דאָ ניט 1932
זיין!". סעקלער, 2, ז' 210.

(שוו) דער נגיד עסט די ברוסט און דער אָרעמאַן - די גערנע"|קטוו|.

(?נ$\frac{4}{2}$) ג ע ר ס - <u>סוב</u>, <u>בנב</u>.

1940 " שנוהגים הסוחרים לכתוב קודם פסח לסוחר נכר,

1726 לשלוח להם |...| השמרים שקורין <u>גערס</u> |...|".

<u>ברייער, 1, דף כד/ב</u>.

<u>רעד</u>: שמרים = הייוון, אָבער ניט זיכער צי ס'פּאסט
אהער. סיידן ס'איז אין אונגעריש טאקע הייוון).

ג ע ר ע ג ט - פאר פון רעגן.

ג ע ר ע ג ל ט - <u>אדי/אדוו.</u> געאַרדנט, געסדרט, געפּירט לויט באַשטימטע רעגלען (כּללים).

1866 "דערצו איז נייטיק אַ גוט <u>געָרעגלטע</u> שולע, אָדער חדר, אַזוי אײַנגעריכטעט, אַז זי זאָל אַרבעטן צו דעם באַשטימטן ציל". <u>פּער 177, נ' 39, ז' 215.</u> 1934

1919 " ...| אויף די יסודות פֿון אַ <u>געָרעגלטן</u> אָפּמאַך מיט די אַראַבער". <u>זשיטלאָווסקי, 9, 114.</u> 1938

1950 " אַ <u>געָרעגלטער</u> היגיענישער לעבנס=אופֿן האָט אַ גוטע השפּעה אויף אויף דער טעטיקייט פֿון די געדערעם". 1936

<u>פּער 152, נ' 11 - 12.</u>

ג ע ר ע ג נ ט - <u>פאר פון</u> <u>רעגענען</u>.

גערעד - דאס, בא. 1. דזוו גערייד, ב"ב 1 - 2.

2. אַ קלאַנג, אַ שמועה.

|1938 - 1939| "אַנשטאָט ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג קען מען אויך זאָגן: ס'איז געוואָרן אַ גערעד". 1941

פּרילוצקי, פּער 92, נ' 14, ז' 128.

|| גערעדעכץ - דאָס, =ן. (איר, ביטול) גערייד/גערעד, רייד.

1861 "די אַלע גערעדעכצן, מיט די אַלע קשיות, ווי מיר ווייסן, זענען ניט קשה, דעם תירוץ ווייסט זײַנוועלע". 1972

אקסענפעלד, 1, 32.

1918 "ווען בײַ אַ זאַך איז, ווידער, דאָ אַ סך גערעדעכץ און ווייניק פּרנסה, הייסט עס: 'אַ סך שמירות און ווינציק לאָקשן". עלזעט, 2א, 51. 1973

1945 " ער שקראַבעט אַרויס מיט די הענט אַ געֶרעדעכץ,

// ווי זאָגט מען, אַ זאַגעכץ |...|". לוצקי, 2, 39. 1974

גערעדערײַ - דאָס, -ען. (ביטול) אַ סך רייד; ריידערײַ.

1861 " לאהיהפּאַלי איז אַ שטאָט וואָס טרעפט זיך אַלץ,

אַ טרעוואָגע און אַ גערעדערײַ איז פֿון נאָך תשעה=באָב 1979

אָן |...| אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטאָט". אקסעלפעלד, 1, 41.

1915 " עס דערהערט זיך דאָרט אַ שטאַרקער קלאַפּ און אַ

גערעדערײַ פֿון עטלעכע קולות". שלום=עליכם, 15, 169. 1980

1956 " נעמט נישט פֿאַר אומגוט מײַן גערעדערײַ צו

אײַך". סיימאָן, 1, 242. 1986

ג ע ר ע ד ט - 1. פֿאַר פֿון רעדן/ריידן.

2. אַדי/אַדוו. וואָס מע רעדט, % די גערעדטע ווערטער האָט מען פֿאַרשריבן אות: באות.

|| גערעדטקייט - די, באַ. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון ווערן גערעדט.

1965 " וואָס שוואַכער עס ווערט ייִדישע גערעדטקייט - אַלץ אַ גרעסערע סכנה ווערט דער פֿרעמדער סינטאַקס". 1965

י. מאַרק, פֿער 90, XXV - 2ב ז' 35.

▱ גערעדטע שפּראַך - די פֿאָלקשפּראַך, צום אונטערשייד פֿון דער ליטעראַטור=שפּראַך.

1951 " אליעזר בן=יהודה באַשליסט צו פֿאַרוואַנדלען העברעיש אין דער גערעדטער שפּראַך פֿון די ייִדן אין ארץ=ישׂראל". 1959

א. קאַצענעלנבאַגען, פֿער 106, 367.

**גערעדטער שידוך** – חתונה האָבן דורך אַ שדכן, ניט דורך
פֿרײַערדיק=דירעקטער באַקאַנטשאַפֿט פֿון בחור און מיידל.

1959 "אין יענע צײַטן האָט מען אין זדיטשעוו, ווי
אומעטום, חתונה געהאַט דורך **גערעדטע שידוכים**". 1962
י. קייטעלמאַן, פֿער 155, 13/IX.

1971 "אַמאָליקע צײַטן האָבן ייִדישע קינדער חתונה געהאַט
דורך **גערעדטע שידוכים**, חתן=כּלה האָבן זיך אָפֿט מאָל ניט 1961
געזען ביז אונטער דער חופּה". גראַדע, פֿער 69, 12/XI.

**גערעדטע דעקאָראַציעס** – (טעאַטער=לשון) אָן דעקאָראַציעס
1959 "דאָס פּובליקום פֿלעגט זיך דערוויסן ווו די האַנדלונג
קומט פֿאָר פֿון די ווערטער, פֿון די שפּילער" 1957
פֿער 110ג, 1656.

גערעדט און געטאָן! - ס'דויערט ניט לאַנג (אָדער ס'דאַרף ניט דויערן) צווישן פֿאַרטראַכטן עפּעס און צווישן דעם אויספֿירן די זאַך.

1884 " אומר ועושה, גערעדט און געטאָן - ער איז אַוועק קיין אַמעריקע". יודעלעווסקי, 1. 1952

1920 " און ביים שוואַרצן בערל |...| איז נעשה ונשמע - גערעדט און געטאָן... אַלץ נאָר געשווינד". 1951

ע. וואַרשאַווסקי, 1, 241.

ס'איז גלאַט גערעדט - ס'איז נישט ערנסט, צו קיין מעשים קומט עס ניט.

קורץ גערעדט - בקיצור, מיט איין וואָרט.

אַ ביסל גערעדט און אַ סך געמיינט.

וועו איז דאס גערעדט געווארן, וועו... - געזאגט וועו עמעצער איז מסכים מיט עפעס, אבער מיט א געוויסן תנאי.

..." א ליבע צו שפילן איז אוודאי כדאי, // וועו זשע איז דאס גערעדט געווארן // מיט איינעם און נישט מיט דריי". פל.

ג ע ר ע ד ל ט - 1. פֿאַר פֿון רעדלען.

2. (שגל) אַריַין=אָדער אַרויסגעשמוגלט אין/פֿון געטאָ |בלומענטאַל, פֿער 90, XIX, ז' 67|.

3. (שגל) קאַלט געמאַכט |דצוו|.

284 - גער

(?נ?) ם |גערעדן| ג ר י ד ן - רעדן, אויסרעדן, זאָגן.

... " מי ימלל - ווער מן גרידן". ריכלין 8, תהילים,

1970 קו - 2.

ג ע ר ע ד נ ע ר ט - <u>פאר פון</u> (<u>שנש</u>) <u>רעדנערן</u>.

(?נ?) ג ע ר ע ד ע ר - דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דרייען זיך
פֿון/אין אַ ראָד.

1973 " און רעדער זיך אַריין אין גערעדער פֿון דולע
לצים". י. פֿרידמאַן, פּער 38, נ׳ 78, ז׳ 6.

1977

ג ע ר ע ד ע ט – פֿאַר פֿון רעדערן אַ (שטראָף).

ג ע ר ע ו ו  -  דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע רעוועך אָדער דאָס רעוועך פֿון אַ סך (חיות, מענטשן).

1945 " פֿון שיכּורן גערעוו |...| האָט קראַט און קלויז און שטוב אין פּחד זיך געקאַרטשעט". באַר'ישא, 3, 419. 1998

1962 " צו ונתנה=תוקף האָט מיט אַ מאָל זיך דערהערט אין שול אַ כליפּ, אַ וויין=גערעוו, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן פֿון אַלע אַנדערע געוויינען ". ש. מילער, יזב 6, 148. 1987

גערעווע - דאָס/דער, בא. (שנש) דזוו דפוו.

1958 " מיר הערן נישט בעטהאָווענס מוזיק און נ'שט שילערס דערהויבנדיקע ווערטער. ס'איז היטלערס גערעווע איבער דער ראַדיאָ". ביקל, 1, 392. 1991

גערעווענ יש - דאָס, =ן. |סטוטש 281|. דזוו דפוו.

גערעווערײַ - דאס, =ען | סטוטש 281 | . דזוו דפֿוו.

290 - רנ

(ג ע) ר ע ו ו י ד י ר ט - פאר פון רעווידירן.

291 - גרי

ג ע ר ע ו ו ע ט – פֿאַר פֿון רעווען.

ג ע ר ע ט I - דאס/דער, בא. גערעטעניש.

" אַט רעדט מען, דאַכט זיך, פֿונעם 'אוראַזשאַי' 1909

|גערעטעניש|, אַ גערעט אויף ווייץ און אויף האַבער". 1996

שלום=עליכם, 39, 41.

1907 " קיין עין=הרע, אַ גערעט אויפֿן פּנים, גוט באַוואַקסן".

שלום=עליכם, 15, 128. 2002

(?נ?) ם |גערעט !!| ג י ר ע׳ ט - 1. דאס, בא. אויסשטאטונג,
כלים, ווערקצייג. מה"ד: Geraet(e)/gerēht

... " דש ראש אונ׳ דש גירעט ברוכט ער הער בוֹ[ב]ש".
2003 מגילה=ליד, ש׳ 1120.

1541 " געבט מיר נייארט פֿפּייל אונ׳ בוגן מיין //
1999 אונ מיין הארניש דש איר מיר הט בור בורגן// אונ
הט אויך גיוויש איך וויל זי דר יאגן// מקברון מבט
אים זיין גירעט דער טראגן". בבא=בוך, סטראפע 364,
ש"ש 5 - 8.

1610 " אונ׳ זיא פורכטן זיך דיא רודרער אונ׳ זיא
שרייאן איטליכר צו זיינם גאט אונ׳ זיאווארפן דש
גרעט אויש דעם שיף אינש מער דש עז זולט זייך
גרינגר". טייטש=חומש, יונה, א - ה, הפטורה,
דף קצח - 2.

2. האַב=און=גוטס, פאַרמעגן.

1541 " עס האלף איך ניט אַל זיין גיבעט// דר לר רעטר
דער מושט שטערבן// דער קוניג נאך אַל זיין גירעט
// זיין קנעכט ליש ער עס ערבן". בבא=בוך, סטראַפע 289,
ש"ש 1 - 4.

1998

---

רעד: דעם באַטייט צוויי גיב איך לויט דעם אויסשרייבער/
אויסטייטשער פון דער ציטאַטע. מיר דאַכט זיך, אַז
דאָס מיינט אויך די וואָפן=אויסשטאַטונג פון באַזיגטן
פאַררעטער.

---

3. צירונג.

1637 " גילדן שטיק גרעט זילבר שטיק אסור איסור
גמור להתלבש בהם |...|". תקנות ועד שצ"ז, ז' 69.

1999/ב

4. וועש, גרעט.

1533 " דארום ברענג ניקש מיט דיר נויירט ליילך

1999/ג צוועהלן הוז <u>גירעט</u> דש מן אלי טאג נוצט |...|".

<u>פריוואטע בריוו, ז' 335.</u>

1711 " ער זאלט בויאן שיני הייזר דז מן זאלט דרינן

פֿר קויפן עסין אונ' טרינקן אונ' ווייש <u>גירעט</u>".

<u>צאינה וראינה, 2, בלק, דף קכא - א.</u>

גערעטעניש - דאָס/די, =ן. 1. דאָס ~~בריטע~~ געראָטן (אויסוואַקסן) ^און צעטיילן װערן^ פֿון תּבֿואה, אויפּס, גרינוואַרג.

% גערעטעניש אויף/ אין עפּעס. באַקומען, דערגרייכן אַ גוט גערעטעניש. ס'איז היינטיקס יאָר אַ גרויס גערעטעניש אויף פֿלאַמען. צוליב דער טריקעניש איז ניט געווען קיין גערעטעניש אין די פֿעלדער.

1888 " |...| אַ גערעטעניש אין תּבֿואה, טשערעדעס בהמות און שאָף, די ברכה אין דער דייזשע, אין דער ספּיזשאַרניע". מענדעלע, 3, 125.

2020

1907 " היינטיקן זומער איז אויף זיי |די עפּל| אַ מוראדיק גערעטעניש. עס וועט זיין אַזוי פֿיל, אַז מע וועט זיי פּירן מיט וועגן". שלום=עליכם, 8א, 53. קאַנק

1946 " מע האָט זיך געווינטשעוועט מיט די פּויערים אויף געזונט, לאַנג לעבן און נייע גערעטענישן". טרונק, 4, 259. קאַנק

2. (פיג) שפע, גרויסער וווּקס, צוקום. % ס'איז איצט א גערעטעניש אין טשאלנט – ס'האט געקלעקט פאר אלע געסט. (און דערצו=העדנדלט. ס'איז אריין א גערעטעניש!)

1944 " די גרויסע שפע פון קינדער=ברכה, וואס איז געוואקסן אינעם שויס פון ר' יעקבס ווייב מינדל, האט געשטאמט פון איר משפחה. דארט איז געווען א ווילד גערעטעניש אויף קינדער". טרונק, 3, 204. קאנק

1948 "ס'איז געווען אן איינגעלויף פון מאנצבילן און ווייבער, געמישט מיט עפעס ליידיקגייערישע בעל=מלאכה= יונגען און גלאט גאלאנטאנען, וואס אין יענער טייל שטאט איז געווען א גרויס גערעטעניש אויף זיי". נסתר, 6, 329. קאנק

3. (פיג) א געראטן קינד, א שיינער אדער פעיקער מענטש.

1967 " עלינקע, מײַן פֿאַרשוין, מײַן **גערעטעניש**,
ווער וועט דיך פֿאַרבײַטן? ווער וועט באַהייבן דאָס 2025
וואָס דו?". **קאַרפֿינאַוויטש, 1.**

4. (**פֿיג. איר**) אַ ניט געראָטענער, אַן אומגעלומפּערטער
פֿאַרשוין, שלימזל, ניט קיין בריה. % אין דאָס אַ
**גערעטעניש** – ס'פֿאַלט דאָך אים אַלץ פֿון די הענט.

|| **גערעטענישקייט** – **די, באַ.** |נש, ראַכקינד| די צאָל
פּראָדוקטן (תּבואה, גרינוואַרג, אויפּס) וואָס מע
באַקומט אין איין סעזאָן פֿון אַ באַשטימטן שטח פֿעלד.
% אַ דאַנק דער נײַער באַמיסטיקונג איז די **גערעטענישקייט**
פֿון ווייץ געוואַקסן אויף 20% פֿון יעדן העקטאַר לאַנד.

// **בײַן גערעטעניש** – **דזוו גערעטעניש ב 4.**

**א גערעטעניש פֿאַרט קיין אמדור נאָך אַ שמעק טאַבאַק** –
וועגן אַ שלימזל.

גערעכט I – 1. פרעד אדוו: זיין גערעכט.

זאגן עפעס וואס איז אמתדיק, ריכטיק, האבן א ריכטיקע מיינונג, שטעלונג, טאן, אויפפירן זיך ריכטיק, ווי ס'פאדערט זיך. % ער איז גערעכט, די צייטונגען האבן טאקע באשטעטיקט די ידיעה. זיי האבן געווארנט ניט צו קויפן די דירה און זיינען געווען גערעכט – ס'ווייזט זיך ארויס אז זי איז א קאלטע און נאסע. ביסט גערעכט, מע דארף טאקע ארויסגיין וואס פריער, מיר קאנען נאך פארשפעטיקן צום באן.

1839 " חלעבין זאגט לייבל, עטץ טיט אימרעכט // איז
זיא דען נישט דא חלעבין גאנץ גרעכט?". 2094
פישלזאהן, 1, 45.

זיך/
1864 " ביידע צדדים האבן א ביסל איינגעשפארט, פארעקשנט.
חברה איז אבער געווען גערעכט און האט טאקע אויסגעפירט. 2093
פון וועמען דען זאל חברה אפלעקן א ביינדל, אז נישט
פון א פעטן בר=מינן?". מענדעלע, 12, 81.

1907 " קינדערלעך, וואָס דאַרפט איר זיך קריגן איבער
קאנק אַמעריקע, אַז מיר זענען נאָך אין אַנטווערפּן? -
זי איז געערעכט, מיר זענען נאָך אין אַנטווערפּן".
שלום=עליכם, 8א, 269.

1936 " עס איז שרעקלעך צו זיין גערעכט ביחידות
2080 ווען מענטשן ליידן". מ. אלטמאַן, 3, 134.

1959 "'זיין גערעכט' איז אין קונסטפּראַגעס ניט אַלע
2098 מאָל אידענטיש מיט זיין אָביעקטיוו". ניגער, 9, 162.

2. אַדי (אָפּט סובסטאַנטיווירט), וואָס איז גערעכט, ב' 1.

1864 " דער שטאַרקער בלייבט תמיד דער קלוגער, דער
קאנק גערעכטער, ווי זאָגט מען עפּעס: דער מלאך=המוות שעכט
און בלייבט גערעכט". מענדעלע, 12, 77.

|1931 - 1935| " |...| מאכט ער דעם חלש און בלייבט

קאנק סוף=כל=סוף דער גערעכטער". קולבאק, 8-9, 104.

1968 " ער האט אייך געזידלט, ווייל ער פילט זיך קעגן

קאנק אייך שולדיק". - |...| איך דעם, רבי, בין איך מיט

אייך ניט מסכים, ער האלט זיך פארן גערעכטן,

און ווי איך וועל ניט האנדלען, וועל איך אין זיינע

אויגן בלייבן דער אוממענטש, דער בעל=עוולה".

גראדע, 7, 59.

3. באמערקווארט פון באשטעטיקונג, הסכמה: ס'איז אמת,

ריכטיק, אזוי איז עס.

1864 " גערעכט, גוטער ברודער! וואס אמת איז טאקע

קאנק אמת". מענדעלע, 12, 83.

1907 " לאַז נאָר ווערן נאַכט, אַזוי טראָגן מיר אַפּ די פּלעשער צום טײַך. – געדערכט, ווי איך בין אַ ייִד! וואָס קאָן נאָך זײַן קליגער דערפֿון? סײַ ווי סײַ גיסט מען אין טײַך אַרײַן אַלע פּאַסקודסטוועס!". קאנק
שלום=עליכם, 8א, 124.

1975 " געדערכט, אורשוליאַ, איך זע אַנים ווי זײַן זיידע". קאנק
סוצקעווער, 7, 37.

4. אדי, אַפּט סובסטאַנטיוויִרט. ערלעך, יושרדיק, מיט צדק: גערעכטיק. % אַ גערעכטער מישפּט, פּסק=דין. גערעכטע טענות. די אַרבעטער קעמפֿן פֿאַר גערעכטע פֿאָדערונגען.

1867 " פֿאַר דעם צדיק עפֿנט מען די גערעכטע וועגן [...]". 2193
דיק, 27, 40.

... "אָ, רבי, - זאָג איך - דאָס בלוט פֿון קדושים // 2037
אין אויפֿגעצאַרנט אויף דיר, שטיי אויף!// און איז
נישטאָ קיין מניין געֶרעכטע, // נעם דעם יתומים מיט זיך
אַרויף". מ.ל. האַלפּערן, |ליד "מיט זיך אַליין"|.

(פֿפֿ) גערעכט: ווי דער דין (וואָר: ווי דער דין=תורה,
ווי דער פּסק=דין, ווי דעם רבס פּסק), ווי שלמה המלך
(וואָר: ווי שלמה=המלכס מישפּט), ווי גאָטס מישפּט,
ווי דער אמת, ווי דער טאָג, ווי די וועלט.

זײַן גערעכט צו עמעצן - אַרויסווײַזן טאָלעראַנץ,
ערלעכקייט, פֿאַרשטענדעניש.

1968 "משה אַקון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז מען דאַרף
זײַן גערעכט אויף צום קעגנער". גראַדע, 7, 144. קאנק

**געבן/אָפּגעבן עמעצן (דעם) גערעכט** - אָנערקענען אַז יענער האָט געזאָגט/געטאָן ריכטיק, איז גערעכט.

קאנק 1895 " בנימין האָט דער קליפּה גאָר געגעבן גערעכט, |...| אַז די טריפהנע יונגע=לייטלעך זענען אים זייער געפעלן |...|". מענדעלע, ז׳7, 31.

קאנק 1907 " איך האָב עס דערציילט דער מאַמען, איז זי באַלד אַוועקגעלאָפן אַהין - זי האָט אים |יונה דעם בעקער| געוואַלט אָפּשפּילן אַ חתונה, ווי אים קומט. האָט אָבער מיין ברודער אליהו ניט דערלאָזט. ער האָט אים אָפּגעגעבן דעם גערעכט. ער האָט געדרונגען דער מאַמען, אַז ער האָט דורך מיר בזיונות". שלום=עליכם, 8א, 86.

קאנק 1943 " בעת אַ קריג מיט זיי, גיבן די בעלי=בתים שטענדיק אָפּ דעם גערעכט זיי, די דינסטן". נסתר, 5, 160.

**גערעכט מאַכן** - באַרעכטיקן |בערעזניאַק|.

(פּוּל) גערעכט ביסטו (וואר: גערעכט, יאשקע), אָבער שמײַסן קומט דיר - שפּאסיק צו עמעצן, וואָס איז בכלל גערעכט, אָבער דאָך אין עפּעס שולדיק.

דרײַ מאָל יִדן גערעכט - (עלט) געזאָגט ווען עמעצער זאָגט אָדער טוט עפּעס דאָס אײגענע עטלעכע מאָל (אַנאַלאָגיש צו "דרײַ מאָל יִדישקײַט").

(שוו:) שלעכט אַז בײדע זײַנען גערעכט - ווען אַ סיכסוך, ווו בײדע צדדים האָבן גערעכטע טענות.

אַז בײדע בעלי-דינים זײַנען גערעכט, איז זײער שלעכט - דזוו דפּוו.

דער יִד איז גערעכט, דער גלח איז גערעכט - דזוו דפּוו.

ווײי (איז) דעם וואס איז גערעכט – ס'איז שווער צו

זײַן אַן אָרנטלעכער מענטש.

אַזוי הײַנט אַזוי נעכטן – שווער דעם גערעכטן – דזוו דפוו.

דער מלאך=המוות שעכט און בלײַבט גערעכט – וועגן אײנעם

וואָס טוט אַן עוולה און וויל נאָך אויסזען גערעכט.

גאָט איז גערעכט און זײַן מישפּט איז גערעכט.

– גאָט איז גערעכט און דער מישטאָפּ איז גערעכט –

דזוו דפוו נאָר מיט אַ פאַרקערטן טײַטש.

ם גירעכט. מה"ד: . gereht

1 ←----

1610 " איך האב גיזינדט דש מאל גאט דער אישט גירעכט

אונ' מיין ואלך זיין ביזוויכטר". טײַטש=חומש, שמות, ט -כז. 2040

1679 " דא זאל דיר |...| דא זאל דיר |שרהן| אייני דעק דער אויגין

זיין, פר אלי די בייא דיר זיין, אונ׳ אלינט האלבין 2083

אונ׳ צו איינר ביוועררונג דש דוא גירעכט בילזט".

4. ←---

1610 " אונ׳ דיא גירעכטן זיא ווערדן גין אין אינן אונ׳

דיא מיסטעטר זיא ווערדן שטרויכלן באינן". 2082

טייטש=חומש, דברים, וילך (הפטורה הושע יד - י).

1723 " דער דא וואר איין גירעכטר גר דוא מאכשט

איבר זיגן אין דיא פיר קיניגן אז דא וואור גיטיילט 2086

צו אים דיא נאכט". ברכת המזון, דף סג/א.

5. פאסיק, צוגעפאסט.

1544 " אונ׳ זייט דענוך דיא בעשטן דעש קויניגש

שאולש קנעכט // צו אל זיינן נויטן זייט איר אים גירעכט". 2043

שמואל=בוך, סטראפע 334.

1716 " און ער קליידט שאול דען דוד זיין קליידר, כלומר

דיא קליידרווארן דוד גירעכט, אז ווערן זיא אים 2092

אן גימאסין". ס'המגיד, 3, שמואל א', דף נא - !!.

6. גלייך, דירעקט.

1798 " דר וואנדרש מן |...| שפראך צו דש וירט זיין

קנעכט מאך אויף דש טאר איך וויל רייזן גירײכט". 2073

משל הקדמוני, דף 35.

7. בנב.

1541 " ער גידוכט דש ווערט מיר גירעכט // דש דוזיג

וויל איך ניט פֿורלאשן |...|". בבא=בוך, סטראפֿע 284, 2088

ש"ש 5 - 6.

ג ע ר ע כ ט II - דאס/דער, בא. (עלט) גערעכטיקייט,

צדק, מישפט.

1904 " די זאַלסט אָפּהיטן גאַטס היטונג צו גיין אין זיינע

2107 וועגן און צו היטן זיינע געזעצן, זיינע מיצוות

און זיינע גערעכט". איבז, נ.פּאליר, 1, 19.

1968 "מיר זיינען דער אמת און דער גערעכט".

2059 לעיעלעס, 6, 104.

ם גירעכט/גיריכט.

1696 " אויף דרייארלייא בלייבט די וועלט בישטין

2045 אויף דער ווארהייט אונ' אויף דען גיריכט און אויף

דען שלום". |סידור| תפלה למשה, דף קיז - 1.

ג ע ר ע כ ט !!! - דאס, בא. (לאקל, וולאצלאוועק)

" א קאמפלעט בעטגעוואנט (קישנס, דעק, אונטערדעק אאל"ור)"

|קטוור|. " אויסשטייער האט זי געקריגן א גערעכט"|קטוור|. 2035

ג ע ר ע כ ט IV - ---→ געריכט (שפּייז).

ג ע ר ע כ ט י ק - אדי/אדוו. דזוו גערעכט, ב 4.

1873 " אַלצדינג רירט און באַוועגט זיך דורך אייביקע,
קאנק גערעכטיקע געזעץ". מענדעלע, 1, 286920.

1948 " דאָס וואָס ביַי אים, ביַי מיכלען, זיַינען איצט די
קאנק קינדער אומגעקומען, איז דאָס אַ גערעכטיקער געצאָלט פֿון
זיַין ליבן נאָמען |...|". נסתר, 6, 70.

1957 " מיר ווילן זיַין וואָרע, גערעכטיקע בויער //
קאנק און בויען זיך היימען אָן גראַטע, אָן קייט".
לעיעלעס, 5, 96.

ג ע ר ע כ ט י ק י י ט - די, בא. די מיטשטימונג

פון די צווישנמענטשלעכע באַציִונגען (אויפפירונג,

מעשים) מיט די פאָדערונגען פון דער מאָראַל און געזעצן;

צדק, יושר. % פאָדערן, זוכן גערעכטיקייט. קעמפן

פאַר גערעכטיקייט. מישפטן מיט גערעכטיקייט.

1814 " אמלך וואס האט ליב גערעכטיבקייט האט זיין

2163 מדינה אַ קיום |...|". איבן לעפין, משלי, כט - 4.

1873 " גאָט און די גערעכטיקייט וועלן זיך באַווײַזן".

2153 מענדעלע, 1, קאנק 141720.

1907 " אַמעריקע, זאָגט ער |דער פעלדשער ביבער|, איז

קאנק געבויעט אויף אמת, און אויף יושר, און אויף גערעכטיקייט

|...|". שלום=עליכם, 8א, 252.

1948 " ס'דערגייט אַ מאָל אזוי ווײַט, אַז ער הערט כּמעט

קאנק אויף גלייבן אין דער גערעכטיקייט און אינעם גוטן

מיין מיטן גאַרן סדר העולם". נסתר, 6, 289.

ארעם פון גערעכטיקייט – די אָרגאַנען פון דער יוסטיץ,

פון די געריכטן.

ם גירעכטיקייט/גירעכטיגקייט. מה"ד: gerëhtec-heit

2134 ... " והכשרון – אונ דגרחטאקייט". רייכלין8, קהלת,ב –כא.

1546 " דען עש איז גרוס די מצוה ווען איינר צדקה גיבט

2141 אונ' זיין גירעכטיקייט דיא בלייבט בישטין ביז אין

דיא איביקייט". ס' היראה, ז' 165.

1676 " עש ווערט גין צו פויר דיר דיין גירעכטיקייט

2177 אונ' דער כבוד פון גוט ווערט איין זאמלין דיך".

ברנט שפיגל, פרק כח.

1739 " ווער דיא גירעכטיגקייט ער וועהלט צום שוץ,

ווערדן אים דיא לייט איבר דנק אונטר ווארפן". 2180

ס' מבחר הפנינים, דף כ"ה - II.

ג ע ר ע כ ט י ק ן - טרוו. (עלט) באַרעכטיקן, געבן גערעכט.

1832 " אלי מלאכים וואש זייא זאגין אן גקריינט מיט

קרונין גרעכטיגן זייא גאט מיט גרעכטיקייט". 2182

מחזור, 2, דף נ"ו/?.

1959 " די וועלט מוז פריִער ווערן גערעכטיקט=ווערט".

לייוויק, 13, 54. 2128

1959 " די באַפרייונג פון די גערעכטיקטע וועט קומען".

א. אויערבאך, 6.

□ גירעכטיגן.

1716 " ער איז נאהנט דער מיך גירעכטיגט כלומר הקב"ה

איז מיר (נוטה צד) איך דיך". ס'המגיד, 3. 2182

..........................................................................

רעד: כ'האָב בכוונה געגעבן די צוויי ציטאַטעס פון דער נייער

ליטעראַטור, כאָטש כ'בין מסופק אין דער קלאָרקייט פון די באַנוצטע ווערטער אין דעם

ג ע ר ע כ ט ס - דאס, =ן. (עלט) געריכט (שפּייַז).

[אָנהייב. XIX י״ה] "מען הייבט אָן צו געבן צו עסן // עס ווערט

אָן קיינעם נישט פֿאַרגעסן // מען גיט אַלע מאָל אויף 2190

אַ נייַ געקעכטס // און ווידער אַ נייַ =מאָדישער גערעכטס".

עטינגער, |לידער|, 3, 17.

1866 " שמחת=תּורה, דער שמאַלצקוכן מיט די פֿייַנע

גערעכטסן, בייַ טאָג דער צימעס פֿון אויבלעך". 2192

פֿער 177, נ׳ 5, ז׳ 75.

ם גריכטש.

1676 " אייך הסיד |...| הוט לוזן מכין אלי מורגנש

איך גרויש גריכטש נאך שול איז זי אויף דעם טיש 1459

גישטנדן זיין רבנים אונ׳ בחורים קומן אונ׳ האבן

גיזופּט איך קאפּ". ברנט שפּיגל, פּרק כט.

גערעכטפארטיק - אדי. (עלט) גערעכט,
יושרדיק, ארנטלעך, ערלעך.

1941 "צי אויס דיין חסד צו די וואס קענען דיך,
און דיין גערעכטיקייט צו די רעכטפארטיקע הערצער".
תרגום יהואש, תהילים לו - 11.

1941 „און פאר אלעמען ביסטו גערעכטפארטיקט". תה, מראות, כ-16. 2202

|| גערעכטפארטיקייט - די, בא. גערעכטיקייט, יושר, צדק.

ם
גירעכט פערטיג.

1696 " זיך אויס צו דיינן קענרן אונ' דיין גרכטיקייט
צו גירעכט פערטיגי הערץ". |סידור| תפלה למשה,
דף שמ - 1. 2203

גערעכטפערטיגקייט |קאלענבערג, 1736|.

319 - גאַ

ג ע ר ע כ ט פ אַ ר ט י ק ט - פֿאַר פֿון רעכטפּאַרטיקן.

גערעכטפאַרטיקן - טרוו. (עלט) באַרעכטיקן.

1866 "אַז יענער טוט אַ פאַרברעכן, איז נאָך דער אַנדערער

א/2204 ניט גערעכטפאַרטיקט, וואָס ער טוט איין עוולה".

פער 177, נ' 18, ז' 281.

1919 "אויך די ביאָגראַפיע ד"ר הערצלס קאָן נאָך ניט

2204 גערעכטפאַרטיקן אַ הערצל=קולט". זשיטלאָווסקי, 9, 45.

1922 "לויט דעם דרש האָט משה געוויסער מאָסן גערעכטפאַרטיקט

2201 די טענות פון די ייִדן". איבן זאַלקינד, 4, ברכות, פ-118.

~~1941 " ... | אוּן פאַר אַלעמען ביסטו | שרה | גערעכטפאַרטיקט".~~

~~2202 תרגום יהואש, בראשית, כ - 16.~~

ג ע ר ע כ ט ק י י ט - די. בא. ~~סטוטש 573~~.

דזוו גערעכטיקייט. [2. (סטוטש 573)]

" צו באווייזן ווי אזוי די וועלט פירט זיך מיט [1956?]

2208 גערעכטקייט און מישפט". איבן |ווער?|, ליקוטי אמרים,

דף קפא.

> רעד: אפשר איז די דאזיקע פארמע ניט מער ווי א
> גרייז און אזעלכע, פונקט ווי סתם אויסטערלישע
> ווערטער, זיינען דא א סך אין אט דער איבערזעצונג.

ם

גירעכטקייט.

1626 " גוט זאל מיך פר געלטן (כצדקי) אז מיין גערעכטקייט

2210 דז איך בין גנגן נוך אים אין דער מדבר". ס' המגיד, 1,

תהילים, יח - כא.

ג ע ר ע כ ט ש אַ פּ ט - די, בא. (שנש) גערעכטיקייט.

1941 "אַ שטים פֿון האַרץ באַפֿעלט מיר: גלייב// אין

2212 שוין פֿאַרשווּעכטן וואָרט גערעכטשאַפֿט". סוצקעווער,18,2.

## ג ע ר ע כ נ ט - פֿאַר פֿון רעכענען.

0 גערעכנט ווערן/זײַן - פּאסיוו פֿון רעכענען (זיך).

1. ווערן פֿאררעכנט, געהאלטן (ווי/פֿאַר); רעכענען זיך (ווי/פֿאַר). % ער ווערט גערעכנט פֿאר דעם בעסטן ספּעציאליסט. דאָס ווערט גערעכנט ווי אַ זינד.

1817 " זי׳ [זיי, די עניים, ניט ירא שמים] נעמן די צדקה און גיבן די הורן אין דעם בעל צדקה פֿר איין עבירה גרעכנט". איבן אנ, ספר חסידים, סימן סא. 2224

1931 " |פֿאַר| אונדזער בלוט פֿארגיסן. עס וועט זיי גערעכנט ווערן". בורשטין, 1, 176. 2215

1975 " כ׳גיי פֿון דער וועלט, - האָט זי געזאָגט - ס׳זאָל גערעכנט ווערן". באשעוויס, 6, 58.

נעמען

2. (<u>עלט</u>) ~~גענומען ווערן~~ נקמה.

1872 " דער דאָ ווערט דערשלאָגן קין. דער זאָל <u>ווערן</u>

<u>גערעכנט</u>". <u>צאינה וראינה, 3, בראשית, ד - 15</u>. 2219

| <u>תי</u>: ווער נאָר עס הרגעט קינען, זאָל זיבנפאַך <u>גענומען</u>

<u>ווערן נקמה</u> פון אים" |.

ם

<u>גירעכנט ווערן</u>.

1626 " דא איז גישטנדן אויף פנחס (ויתפלל) אונ' האט

גוט גיבעטן (ותעצר) דא איז אויף גיהלטן גיווארן די 2223

מגפה (ותחשב) אונ' עש <u>וואר גירעכנט</u> צו אים פר איין

צדקה.

1689 " איך זיבן דורות ארום וועט ער ווערן <u>גירעכנט</u>".

<u>באר משה, בראשית, ד - 15</u>. 2214

<u>רעד</u>: די ציטאַטע איז, זעט מען, פון אַ סך שפעטערדיקע אויסגאַבע.

324/1 גע -

240

ג ע ר ע ל ס - דאס, =ן. (נש, או־ו). סטרוקטור/ סיסטעם פון רעלסן פאר א באן=ליניע.

ג ע ר ע ם I - דאָס, =עָן. 1. אײַנפּאַסונג אין רעמען.

2. (שבש, (פּיג) שייכות=סיסטעם, אַרומנעם פֿון באַגריפֿן/ דערשײַנונגען, וואָס זײַנען געבונדן לויט זייער תוך אָדער פֿאָרעם.

1953 " ווי וויכטיק עס איז צו באַטראַכטן דעם בײַט פֿון קלאַנגען ניט אײַנציקווייז, נאָר אין געֶרעם פֿון דער גאַנצער קלאַנגיקער סטרוקטור פֿון אַ שפּראַך". 2227

מ. ווײַנרײַך, פּער 90. נ׳ XIII, נ׳ 2 -3, ז׳ 64.

1969 " |...| דער דאָזיקער כאַראַקטער נעמט זיך פֿון דער פֿערזענלעכקייט פֿון מחבר און פֿון דעם געוואַלדיקן געֶרעם פֿון דער טעמאַטיק, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט". 2230

א. טאַרטאַקאָווער, פּער 38, נ׳ 66, ז׳ 255.

רעד: כ'בין מסופק, צי טאַרטאַקאָווער האָט געשריבן דאס
אַרטיקל אין ייִדיש, דערצו נאָך געניצט וויַינרײַכס
ניישאַפונג. כ'האָב ניט די "גאַלדענע קייט" 66 צו
זען צי ס'איז טאַקע אַן איבערזעצונג און אויב יאָ -
ווער ס'האָט זי געמאַכט. קיין אַנדערע ציטאַטן
אויף דעם וואָרט חוץ וויַינרייַכס איז ניטאָ.

ג ע ר ע ם !! - |דער?| בנב.

1899 " בדבר הגערעם אין אני מתיר לעשות באשטעלונג

2228 שיבא בחג הפסח והגוי אש' החמץ נמכר לו יפדנו מהבי

דואר". טענענבוים, 1, דף כד/ 4.

ג ע ר ע מ ט - אדי/אדוו. 1. איינגעפּאַסט אין אַ רעם/ רעמלעך, איינגערעמט. % אַ געראַמטע פּאַטאַגראַפיע שטייט אויפן טיש. אַ גערעמטער דיפּלאָם הענגט אויף דער וואַנט אין דעם דאָקטאָרס קאַבינעט.

1927 " אויף די ווענט : בילדער, לאַנדשאַפטן געראַמטע און אומגערעמטע". ברכיה, 1, 57. א/2231

2. (פּיג) איינגעשלאָסן, אַרומגענומען מיט עפּעס.

1936 " אויף אַ וואָלקן שווימט דיין קאָפּ אַוועק, גערעמט אין צער! זשיכלינסקי, 1, 8. 2231

גערעמלט - אדי/אַדוו. 1. דזוו גערעמט, ב 1.

1929 " צום טיש |...| איז צוגעגאַנגען דער נידעריקער
רעדנער אין די גרויסע גערעמלטע ברילן". 2236
קולבאַק, 3א, 608.

2. דזוו גערעמט, ב 2.

1948 " זיי גייען איצט צעקוועטשט אין איינעם מיטן
שטאַל,// איינס פֿון דעם צווייטן ווייכנדיק, אין 2234
שרעק גערעמלט". מאַרקיש, 9, 163.

ג ע ר ע ן – טרוו, פֿאַר געגערעט. (פּטמ) דערקלערן עמעצן אַן ענין לאַנג, מיט אָנשטרענג, מאַטערניש; אײַנקנעלן. % גערען מיט עמעצן... דער לערער האָט געגערעט מיט די שילער במשך עטלעכע לעקציעס די טעמע, ביז זיי האָבן פֿאַרשטאַנען.

1865 " די מלמדים ווילן ווײַזן |...| זייער געטרײַשאַפֿט, האַלטן זיי די קינדער פֿון גאַנץ פֿרי ביז אין דער נאַכט |...| און גערען מיט זיי אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג". פֿער 177, נ' 32, ז' 495. 2237

........................................................

רעד: סטוטש גיט דאָס וואָרט נאָר אין דער גרופּע 359, לערנונג. ביי אונדז (לויצק, וואלין) האב איך געהערט אויך אין זינען רעדן א סך איבער עמעצן, איינרעדן" א שטייגער: דער קרעמער גערעט מיטן קונה ביז הייזעריק ווערן, אָבער יענער אײַלט זיך ניט צו קויפֿן". צוגעבן דעם באַטײַט?

(?נ?) ם |גערענט?| ג ר ע נ ט - בנב.

|1474?| " דעם די לונג האפט - נים די לונג פון איינם זוייגנדן בערליין און זול די לונג צו איינם פולבער מאכן אין איינם נויען פאנן אונ׳ זול דען דש צורייבן אונ׳ זול אים דוש געבן אויף איינם גרענטן שניטן ברוט די דורך דען ווייך זיי גצוגן אונ׳ זול דש פולבר דרויף זעמן". כ"י ס׳ הרפואות.

(?נ?) ג ע ר ע ס ט ע ט - אדי. (דטשמ) צוגעברענט, איינגעברענט. D : Rösten

1914 " הקליא - גערעסטעטע זאנגען". גורדון,

2244 שמואל א, יז - יז. |תי: געברענטע זאנגען|.

גערעסל - דאס, =עך. (גלש) בריוו, בריוול.

\|י. טריוואקס, פער 33, 162\|. העברעיש: אגרת.

334 - גוט

(גע)רעקאָמענדירט - פֿאַר פֿון רעקאָמענדירן.

(?נ?) ג ע ר ע ר - אדי. פֿון גער (ייִדישער נאָמען פֿון פּויליש שטעטל Gura Kalwarja ). % גערער רבי,

גערער הויף, גערער חסידים.

1963 " זי האָט געשטאַמט פֿון גערער הויף".

יזב 2, 103. 2252

1968 " אין די צוויי ווילעס האָבן געוווינט חסידים

און מתנגדים, אין איינער האָבן אַפֿילו געוווינט 2248

קרובֿים פֿון גערער רביך". יזב 2, 373.

1970 " און אַ דריט 'שטיבל' - פֿון די גערער חסידים".

יזב 7, 74.

(686)

ג ע ר ע ר ע ך - דאָס, בא, פֿפֿ גערערעכטס, געוויקס
וואָס וואַקסט אויף די ברעגן פֿון טײַכן און זומפֿן
(וורסנ *Typha*).

1805 " דש ענד אונ' דש לעצט פֿון דיזיר וועלט איז גלייך
אז דיא ראָרין אונ גירעריק פון דעם ים". 2249/א
בחינות עולם, 2, יט - 1.

1919 " סוף - גערערעך |טעקסט: גערעריך|". 
זאַלער, 2, 89. 2253

□ גירעריך/גירעריכט.

1626 " |...| ווען דאש פֿימסן איז אין זייך פֿייכטקייט
דהיינו דז דאש גירעריך איז פֿייכט |...|" 2249
ס' המגיד, 1, איוב, ח - יב.

1711 " דש ווארט בסופה ווייזט אויף משה דער איז

גיוועזן גיווארפן אין דאש וואשר גירעריכט". 2254

צאינה וראינה, 2, ויחי, דף ו - 4.

גערעש |גערא(ַ)ש| - דער, בא. רעש, גערויש.

1868 " האט זיי א קליינער גערעש אויפגעשרעקט".

דיק, 36, 15.

1956 " זי ווערט פארטויבט פון דעם גערעש פון דער

מוזיק". מארקיש, 10, 250. 2257

ג ע ר ע ר ע ן - אוטוו. (עלט? לאַקל?) וואַרקען.

1882 " דא הייט אָן די טויב צו קלאַפּן מיט די פּליגל

און גערערען מיט דעם האַלדז". אַנ. פּרינצעסין עדינא, 2255

1, 21.

[illegible]

340 –

ג ע ר ע ש ט |גערֿאאשט| ( ז י ך ) – פֿאַר פֿון רעשן (זיך).

341 - גש

ג ע ר ע ש ט ע ו ו ע ט ! – פֿאַר פֿון רעשטעווען (אַרעסטירן)

ג ע ר צ ח נ ט |גערָאצכנט| - פֿאר פֿון רצח(ענ)ען.

ג ע ר ש ט I - דער, =ן. אַ קערן (דל) פֿון גערשטן I.

1910 " אן עוף פֿאַרן קראַנקן - מיט אַ שאלה,// אַ יויך

2264 צום סדר מיט אַ גערשט". פֿרוג, 1, 93.

1917 " פֿויגלען שפּרינגען הין און הער,// יעדער פֿויגל

2266 טוט אַ קלער:// זאָל איך אויפֿראַמען צו ערשט,// אָדער

טאָן אַ פּיק אַ גערשט". יהואש, לידער פֿרילינג.

ג ע ר ש ט II - דער, =ן. דזוו געדשטן II.

1961 " פֿון ליבע קריגט מען |...| שילשול, |...| א גערשט

אויפֿן אויג און קישעלעך אונטער די אויגן". 2268

נ. בלומענטאַל, פּער 155, IX/9.

ג ע ר ש ט ן I - דער, בא. 1. (באַט) געוויקס (וֹוסנ Hordeum) פֿון דער משפּחה גראַזיקע (gramineal), אַ זגאַל קולטיווירטע תּבֿואה, אויך די קערנער פֿון דער תּבֿואה. % דאָס פֿעלד איז פֿאַרזייט מיט גערשטן. ס'איז דאָס יאָר אַ גערעטעניש אויף געהשטן. פֿון גערשטן מאַכט מען פּערלגרויפּן.

1861 " וועז זיין פֿעלד איז געווען געזייט ווייץ און ער האָט זיך געדאַכט צו זייען גערשטן, זאָל ער וואַרטן ביז די ווייץ וועט צעגיין אין דער ערד און איבערקערן די זריעה מיט איין אַקער און נאָך דעם זייט ער די גערשטן". איבן אנ, משניות, זרעים, לז/ב. 2278

1891 " גערשטן וואַקסט אַמבעסטן נאָך געוויקסן וואָס מען גראָבט זיי אַרום בשעת זיי וואַקסן". וועבער, 58,1. 2300

1945 " דער זומער האָט געשפּאַנט, מען שנײַדט שוין באַלד דאָס ברויט,// מײַן שטיקל נחלה וואַקסט, אַ נחת אַנצוקוקן//, אַ פֿולער בעכער רעטשקע, ס'איז דער ווייץ שוין רויט,// דער גערשטן בערדלט זיך, דער פֿלאַקס איז ברויך און טרוקן". א. אויערבאַך, 3, 168. 2290

0 גערשטנביר - דאָס, בא. ביר געמאַכט פֿון גערשטן.

1891 " איבער הויפּט |איז גערשטן געוואָרן וויכטיק| זײַט מען האָט אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן גערשטנביר". 2306

וועבער, 1, 72.

גערשטנברויט - דאָס, בא. ברויט געבאַקן פֿון גערשטנמעל.

1866 " דערנאָך |זאָל דאָס ייִדישע קינד, דער קאַנטאָניסט |...| געהאָדעוועט ווערן מיט גערשטנברויט, געמישט מיט זאַמד, און קלעפּ פֿון אַכט ביז צען יאָר, איידער ער טרעט אין דינסט". פּער 177, נ' 13, ז' 203.

1895 " |...| המוציא אפילו אויף גערשטנברויט אדער האבערן ברויט איז פריער פון אלע ברכות".

אנ, ס' מקור הברכה, 2, דף כג - II.

**גערשטן=גרויפּן** - מצ. גרויפּן (דיק צעמאלענע קערנער) געמאַכט פון גערשטן; פּערל=גרויפּן. % א זופּ פון גערשטן=גרויפּן.

1916 " דער שיטערער קליי פון לאַנג געקאַכטע גערשטן-גרויפּן באַרלי=וואַסער - אַנטהאַלט לייכט פאַרדייַלעכע נאַרונגס-שטאָפן". מעריסאַן, 1. 2291

**גערשטנגריץ** - די, =ן. 1. דזוו גערשטן=גרויפּן.

2. אַ זופּ פון גערשטן=גרויפּן. % ער האָט ליב צו עסן אַ גערשטנגריץ מיט קאַרטאָפל. קאָכן אַ גערשטנגריץ.

גערשטן=וואסער - דאס, בא. פליסיקייט אויסגעקאכט און אפגעזייט פון גערשטן אדער גערשטן=גרויפן.

1850 " די זאפט פון חריין איז גוט צו מושין |=צעמישן|
אין ביר אודר אין גערשטין וואסיר און געבין צו טרונקין די לייט וואש האבן דוא דאר". אנ, תעלה ארוכה, 1. 2317

1907 " ווי צו מאכן |...| פאר קראנקע |...| בארליי= וואסער אדער גערשטן=וואסער. צעמישט איין טיי=לעפעלע גערשטן (בארליי) מיט איין פיינט |?| זודיקע וואסער, קאכט עס 5 מינוט און זייעט עס דורך". 2304
פעלדמאן, 1, 149.

גערשטנזופ - די, =ן. זופ פון גערשטענע גרויפן; גערשטנגריץ.

1964 " |...| די איינציקע שבת=סעודה וואָס ער האָט

2318 |איז| אַ גערשטנזופּ". ש. בערגמאַן, יזב 19, 490.

**גערשטנטויטש** - |דער?דאס?|. בנב.

1926 " ביז 8 וואָכן גיט זיי |די ׳הינדלעך| הירזש

2320 מיט פּראָסע |?!| אָדער מישט צונויף 2 חלקים הירזשענע

קלייען מיט 3 חלקים האָבערנע מעל אָדער גערשטנטויטש".

יאָכינסאָן, 2, 260.

---

רעד: אַ חידוש צו געפינען ביי יאָכינסאָנען אַזאַ

אבסורד: הירש איז דאָס אייגענע וואָס פּראָסע און

פּאַרקערט... [illegible]

---

**גערשטנמאַלץ** - דער, בא. מאַלץ פון גערשטן, גענוצט צו

דער פּראָדוקציע פון ביר, בראָנפן.

גערשטנמעל - די, בא. מעל פון גערשטן.

1850 " (איין גליד וואס אפ גיפרארין אין)|...| זאל
מען זידין גערשטין מעל אין סמאלי אונ צו לייגין 2322
דער פון איין פלאסטיר |...|". אנ, תעלה ארוכה, 1.

|1910?| " א סגולה צו א פארהארטעוועטע ברוסט |...|:
מען זאל נעמען ריין גערשטנמעל, |...| אויסקנעטן מיט 2324
רויזן=וואסער |...| צוטון א געלעכץ פון אן איי |...|
ארומלייגן די ברוסט און פארבאנדאזשירן מיט וואטע".
טארלער רבי, 2, 9.

גערשטנפעלד - דאס, =ער. פעלד ווו מ'האט געזייט, ///.
ס'וואקסט גערשטן.

1891 " מען מיסטיקט דאס גערשטנפעלד מיט גוט דורכגעפוילט
מיסט |...|". וועבער, 1, 73. 2326

גערשטן=צוקער - דער, בא. צוקער געמאַכט פֿון גערשטנמאַלץ.

גערשטן=קאַווע - די, בא. קינסטלעכע קאַווע געמאַכט פֿון גערשטנמאַלץ.

1926 " בשעת די זוימען |פֿון גערשטן| ווערן גוט אָפּגעבראָטן ווערן און באַקומען אַ טונקל ברוינעם קאָליר, נעמט זיי אַראָפּ פֿון פֿייַער, |...|. די דאָזיקע געבראָטענע זוימען רופֿט מען גערשטן=קאַווע". יאַכינסאָן, 2, 16. 2328

גערשטן=קאָרן - דער, דזוו גערשטן !!.

גערשטן=קאַשע - די, =ס. געדיכט פֿאַרקאָכטע גערשטן=גרויפּן.

גערשטן=קערן - דער, =ער. דער זוימען פֿון גערשטן.

**גערשטן=קוכן** - דער, =ס. קוכן פון גערשטנמעל.

**גערשטנשטרוי** - דאס, =ען. די שטענגלעך פון אפגעשניטענע גערשטן=תבואה.

**גערשטן.** ם

[illegible] 1544 " ער שראך צו זיינן קנעכטן איר זולט צו דען

2285 גערשטן גון,// דיא איף יענעם אקר בייא מיינן גערשטן

שטון". שמואל=בוך, סטראפע 1415.

1610 " אונ' דר ולאקש אונ' דיא גערשטן זיא זיין

2280 ווארדן גישלאגן וועך די גערשטן צייטיגטן אונ' דר

ולאקש שטענגליך". טײַטש=חומש, שמות, ט - ל.

1713 " אונ' דש האט ביטייט דר טרוים פון דען קוכן אויש

2307 גערשטן ברוט דאש וואר איין דער נאכט דיש פייארונג

פון פסח". מחזור, 1, דף קלד - 1.

ג ע ר ש ט ן !! - דער, בא. (מעד) אייטערדיקע אנצינדונג אויף איינעם אדער ביידע אויגן=לעפלעך (ארויסגערופן ס'רוב דורך געוויסע שווענלעך). % סע מאכט זיך אים א גערשטן אויפן אויג. דער גערשטן בייסט אים און שמארצט. דער דאקטאר האט פארשריבן א שמירעכץ צום גערשטן.

|?1910| " אויב |...| עס האט זיך געמאכט אויף דער ברעם א געשווירל, וועלכעס מע רופט א געשווירל, וועלכעס מע רופט א גערשטן, |...| איינטונקען |...| זעמל אין ווארעמער מילך |...| ארויפלייגן אויף א שטיקל וואטע און צולייגן צום אויג". טארלער רבי, !!, ז'17. 2281

1925 " גערשטן אויף די אויגן איז יע |=יא| עטוואס אנשטעקנדיק (די מאטעריע). דאס איז א סימן פון שקראפל און אומריינקייט". פער 151, נ' 3. 2273

0 גערשטן=קארן - ?ער, |מצ?|. (רעג, פוילן) דזוו דפוו.

ג ע ר ש ט ן!!! - אדי. פון גערשטן. % א גערשטן קערנדל. די גערשטענע מעל. דער גערשטענער קוכן. גערשטענע קלייען. מע קאַכט אַ גריץ פֿון גערשטענע גרויפּן.

1850 " איך ווייציני פּלעווי מיט גערשטעני פּלעוו,
זאל מען זידן און מיט דעם אקרעפּ גיט |=גוט| אן 2305
בריען איין ווונד |...|". אנ, תעלה ארוכה, 1.

1869 " זיבן אוונטס יעדן טאָג, אן אַנדער סוף מיט
שמאַלץ, גערשטענע קאַשע מיט קאַרטאָפּליעס". 2338
פּער 177, נ' 20, ז' 229 - !!.

1924 " אַ, ווו איז ער דער שוואַרצער ברויט, דער
קאָרענער, דער גערשטענער // פֿון גרויסן תענית=לאַנד 2277
פֿון זיבניעריקן?". מארקיש, פּער 100א, 5.

ם

<u>גערשטן</u>.

|?1474| " שורצי ציך ווייש צו מאכן. נים <u>גערשטן</u>
מעל אונ׳ הוניק אונ׳ זלץ מויש עס אלש אנטר אננדר
אונ׳ רייבא די שורצן ציך דר מיט |...|".
<u>ב"י, ס׳ הרפואות, פער דווקא, נ׳ 17.</u>

1717 " |...| אבר פייני גערשטני גריטץ גיקאכט אונ׳
דארך איינטוך גיזיגן אונ׳ די פריא אים |א קינד מיט 2315
א קורצן אטעם| צו טרינקן גיגעבן". <u>ס׳ החיים !!</u>,
<u>דף נט</u>.

356 – [illegible]

ג ע ר ע ש ע ט – פֿאַר פֿון רעשען.